

מאמענט

# נוסח חב״ד

ספעציעלער
יום טוב
פראיעקט

שבועות תשפ״ד

ערשטמאליגער זעלטענער און גרינטליכער איבערזיכט אויף דעם **אייגנארטיגן חסידות "חב"ד-ליובאוויטש"**, און **אפגעזונדערטע באוועגונג** אינערהאלב דער גרויסער חסידישער וועלט | לכבוד חג השבועות, יומא דהילולא קדישא פון אור שבעת הימים, פראווען מיר א **"פארברענגען" מיטן משפיע הדגול הגאון החסיד הרב יוסף קליין שליט"א**, ראש ישיבת תומכי תמימים ליובאוויטש אין נייאק, און ראש הכולל פונעם אלוועלטליכן פראגראם בלימודי חסידות פאר שלוחי חב"ד אומעטום, באקומענדיג אן **ערשטהאנטיגע שילדערונג איבער די היסטארישע אנטוויקלונגען בקורות ימי חב"ד**, באגלייט מיט ערקלערונגען איבער דער הייליגער השקפה און די **שפיץ נקודה** וואס פארנעמט תורת ודרך חב"ד: **אחדות השם און דירה בתחתונים**

**ישראל הלוי אוסטערליץ**

בילדער: שאט-די-דאט; ארכיון

**א**ונזער "נוסח" סעריע דא אין "מאָמענט" האלט אצינד ביי דער פינפטער רונדע. מיר האבן שוין אין דער פארגאנגענהייט זיך באקענט מיט דער ספרדישער געפילישער קולטור, די יעקישע פונקטליכקייט, דער ליטווישער קוועטש, די בוכארישע טראדיציע, און אצינד איז דער גורל געפאלן אויף א שבט אין כלל ישראל וואס זענען נאך אזוי סאך אדער נאך אסאך מער אייגנארטיג און טשיקאוו, וואס דאס איז די וועלט פון חב"ד - ליובאוויטש.

עס זענען דא צענדליגער צריך עיונ'ס אין חסידות ליובאוויטש. וואס גענוי איז דער דרך החסידות וואס דער הייליגער תניא האט אויפגעשטעלט אנדערש ווי אנדערע חצרות החסידים? וואס איז פשט פון פארקויפן "חסידות" אין ענגליש אדער אין אנדערע שפראכן? וואס טראכט א חב"ד'סקער בחור ווען ער נעמט א באן צו דער טריפה'נער מאנהעטן צו לייגן תפילין פאר אידן?

פארוואס וועט א ליובאוויטשער חסיד איבערדרייען א וועלט צו זארגן אז א פרעמדער איד אין דעם אנדערן עק אמעריקע זאל האבן מצות אויף פסח? פארוואס וועלן חב"ד חסידים לערנען שעות חסידות און פראווענען א פארצויגענע דאווענען מיט קבלה'ישע מושגים? וואס געבט דער שטופ און כוחות פאר א ליובאוויטשער חסיד וואס וואוינט אין א אידישער אוועקגעשטעלטער שטאט מיט אלע באקוועמליכקייטן וואס דאס נעמט אריין, זיך אויפצוהייבן מיט דער משפחה און פארן וואוינען אין א פארשטופטן שטעטל איינער אליין, צו טון קירוב מיט אפאר האלבע אדער נאך שוואכערע אידן וואס ווייסן נישט קיין סאך פון תורה און מצוות? פון וואו קומט צו זיי אזא מסירות נפש צו גיין וואוינען אין די ווייטסטע מקומות אן קיין געהעריגן לעבנסשטייגער?

וואס ברענגט חב"ד'סקער חסידים מחשיב צו זיין זאכן וואס ביי אונז ווערט עס אנגעקוקט אלס א שיינער זייטיגער ענין און ביי זיי איז עס עיקרים שבעיקרים? עפעס אינגאנצן אן אנדערע סארט געדאנקענגאנג שפיגלט זיך אפ ביי זיי אין הארץ. וואס איז זייער טרייב-קראפט עוסק צו זיין אין זאכן וואס אנדערע אידן וואלטן קיינמאל נישט געטון? וואס גענוי איז דאס ליובאוויטשער אידישקייט?

אסאך קענען היינט חב"ד אלס עפעס א גרויסע באוועגונג פון קירוב מיט טויזנטער שליחים אויסגעשפרייט אין בתי חב"ד איבער דעם ערד-קוגל. אנדערע ווייסן פון מאדנע אויפפירונגען פון אן עקסטרעמער שיכט וואס שרייט אז דער רבי לעבט און ער דארף זיך פשוט מגלה זיין אלס מלך המשיח. וואס איז אבער נישט אזוי באקאנט פאר אלעמען, זענען די ערנסטע יסודות און עיקרים מיט וועלכע פילע טויזנטער חסידי חב"ד לעבן דערמיט עד ימינו אלה.

נישט יעדער ווייסט צופיל פון דער רייכער תורה און השקפה וואס איז אויסגעשפרייט אין טויזנטער ספרי קודש אשר אין להם סוף, איבער דער עבודת התפלה באריכות מיט התבוננות שעה'ן לאנג, איבער חסידישע פארברענגענס וואו מען איז זיך מחזק אין עבודת השם, איבער די הונדערטער בחורים און יונגעלייט וואס ליגן אין טיפע לומד'ישע מקצועות אין

גמרא רש"י תוספות, ממש ווי אין ליטווישע ישיבות – און פונקט אזוי אויך אין פעסטע לימודים בספרי חסידות. נישט יעדער ווייסט צופיל וואס ליגט אונטער די טיפזיניגע חב"ד נגינה וואס איז היינט פארשפרייט איבעראל און וועפט קיינמאל אויס.

פון דעם און פון נאך פיל אנדערע נושאים און הנהגות, ווייסט מען נישט קיין סאך ביים היימישן ציבור, און בפרט וויאזוי דאס אלעס האט א שייכות מיט זייער – לכאורה חיצוניות'דיגע – התעסקות מקרב צו זיין פארשטויסענע אידן.

טא, לאמיר היינט לרגל דעם גרויסן הילולא פון מרן אור שבעת הימים דער בעל שם טוב הקדוש, איינמאל פאר אלעמאל נעמען די צייט און זיך אריינטון צו דערגיין דאס עמקות הדברים, און ארויסהאבן מה זאת חב"ד.

## אביסל פארשטייט יעדער, אינגאנצן פארשטייט קיינער...

אנדערש ווי ביז אהער, ווען דער שרייבער פון די שורות האט אייך געברענגט די פריערדיגע נוסחאות, זענען מיר נישט געווען זייער באקאנט וואס אלץ טוט זיך אפ אין יענע לאגערן. דאסמאל איז אבער נישט אזוי. תורת חב"ד האט ביי מיר פון אלעמאל געצויגן אינטערעסע, איך גיי דאס נאך, און איך בין זוכה צו לערנען אין די ספרים זינט מיינע בחור'ישע יארן.

עס איז עפעס וואס וויפיל כ'האב געטון דערין האב איך אלץ איינגעזען אז וויפיל איך מיין אז איך ווייס שוין אדער איך פארשטיי שוין, בין איך נאכנישט פארטיג. די וועלט פון חסידות חב"ד איז עמוק עמוק מי ימצאנו. דער אמת איז, אביסל פארשטייט דאך יעדער, און אינגאנצן פארשטייט קיינער... אבער היינט ברענגען מיר אייך א סך הכל אויף די פארש ארבעט וואס גייט שוין אן יארן לאנג...

"מ'מוז בכלל נישט זיין קיין מעמבער אין א ליובאוויטשער קהילה כדי צו קענען געניסן און לערנען די תורה פון ליובאוויטשער רביים. תורת חב"ד איז א שיטה און דרך עבודה געמאכט פאר יעדן איד וואו ער איז נאר, צו טרעפן ליכטיגקייט אין תורה ומצוות, און צו דינען השי"ת מיט פנימיות און העכערקייט", זענען די ווערטער פונעם חבדסקער משפיע הרב יוסף קליין שליט"א. עס איז מקובל אזא לשון בשם דער בעל התניא אליין: "חב"ד איז נישט קיין מפלגה".

חב"ד איז א תורת החסידות קוואל מיט הונדערטער ספרים איבער כל הענינים; א קלארער און זעלטן פעסטער מהלך אין עבודת השם און אין חסידות. עס ברענגט אור אין סיי וועלכן הינזיכט פון תורה ומצוות, עס ברענגט אן אור גדול פון שמחת החיים, זאפטיגע ווערטער און באלערנדע סיפורים, סודות התורה, דביקות'דיגע נגינה, און נאך אשר אי אפשר לפרטם כי רבים הם. תמצית הדברים: עס איז א תורה שלימה פון תורה און חסידות וואס טוט פארמולירן דעם מענטש צו א מציאות פון זיך קענען אוועקרייסן פונעם גשמיות'דיגן עולם הזה און ברענגען צו לעבן "העכער פון וועלט".

***ליל שישי פ' בא תשפ"ד, נייאק ניו יארק.***

מיט א ברייטן שלום עליכם האט דער משפיע מיר מקבל פנים געווען און אריינגעפירט אין זיין ווארעמע שטוב. באלד ביים זיך זעצן צום טיש, האב איך אנערקענט אז דורכאויס אונזער היינטיגער שמועס וועל איך די גאנצע צייט זען א גרויסע שילד אויסגעצויגן אויף דער וואנט הונטער דער משפיע, מיט דער בארימטער צורה פון מורו ורבו דער לעצטער ליובאוויטשער רבי זצ"ל. עס שטייט פונקט פאר מיינע אויגן און ברענגט מיר דעם פאקוס זיך צו האלטן צו דער נושא דורכאויס אונזערע היינטיגע דיסקוסיעס.

ביי רוב חסידים איז דאס פשוטע ווארט "טיש" פארוואנדלט געווארן אין א געהויבענער באגריף וואס באצייכנט ווען דער רבי מיט חסידים קומען זיך צונויף. חב"ד פארמאגט אן אייגענעם צונאמען דערצו – אזויווי זיי האבן אייגענע טיטלען אויף אזויפיל אנדערע פעלער – ביי זיי רופט מען א צוזאמקום ביים רבי'ן א "פארברענגען". חב"ד חסידים, וואס האבן א מדיוק'דיגע אויסשפראך, דרוקן זיך כסדר אויס מיט אזעלכע לשונות ווי: "ווען דער רבי האט פארבראכט ביי דעם פארברענגען..." .

אויך ווערט מען אין חב"ד רופן א "פארברענגען" נישט נאר ווען ס'איז בראשות דעם רבי'ן, נאר אפילו ווען חסידים זעצן זיך צוזאם צו זינגען און ארומשמועסן עבודת השם, באצייכנט מען אויך דעם מעמד מיט אט דעם טיטל "א פארברענגען".

מיר קענען רואיג רופן אונזער יעצטיגע געהויבענע שמועסריי מיט דעם באקאנטן "פארברענגער" דער חשובער משפיע הרב יוסף קליין, אזא כמו "יחידות'דיגע פארברענגען"...

פארוואס האבן מיר פונקט אויסגעקליבן אפצוהאלטן אונזער היינטיגער שמועס מיט הרב קליין שליט"א פון אלע אנדערע חב"ד'סקער משפיעים? ווייל אויב וואלט איר נאר איינמאל אנטיילגענומען ביי א פארברענגען מיט הרב קליין וואלט אייך אזא שאלה נישט שווער געווען...

רבי יוסף איז באוואוסט אלס א יחיד במינו וואס פארמאגט אן אויסערגעווענליכע ידיעה און קלארקייט אין יעדן אספעקט פון חסידות חב"ד. חוץ זיינע מדריגות אין עבודת השי"ת, דורך וואס ער פארדינט זיך רואיג דעם הייליגן טיטל "עובד" מיט רעכט, זענען זיינע קענטעניסן אין "חסידות" מסודר אויף א וואונדערליכן אופן.

דאס ברענגט אז זיין הבנה, און דערנאך די הסברה ווען ער געבט עפעס צו פארשטיין, זאל זיין קליפ און קלאר פארשטענדליך. עס זענען נישטא קיין סאך וואס קענען אזוי גוט ווי אים שילדערן א רייכע היקף, פון נעמען איין יסוד און מיט דעם מדמה זיין מילתא למילתא, און מיט איין שורש קענען פארענטפערן אזויפיל קשיות און שאלות.

רבי יוסף שטאמט פון דורי דורות משפחות מיוחסות חסידי חב"ד. זיין טאטע רבי יצחק קליין שליט"א, איז פון די גדולי המשפיעים אין ישיבת תומכי תמימים ליובאוויטש אין מאנטשעסטער, ענגלאנד. רבי יוסף איז אין דער פארגאנגענהייט געווען דער משפיע אין ישיבת חב"ד באלטימאר, מערילאנד. לעצטנס האט ער געעפנט א חב"ד ישיבה אין דער שטאט נייאק, ניו יארק.

זייענדיג נישט ווייט פונעם היימישן מאנסי, טוט דער געהויבענער משפיע אפט פארברענגען מיט די ארטיגע מבקשי השם הצמאים לשתות וללמוד תורת חסידות חב"ד. פון צייט צו צייט טוט דער משפיע אנפירן מיט סדרי לימוד אינעם "היכל



דער משפיע הרב יוסף קליין שליט"א פראוועט א "חסידישער פארברענגען" אין ישיבת תומכי תמימים ליובאוויטש אין נייאק

מנחם" צענטער אין הארץ פון מאנסי. אויך טרעט ער אויף מיט א וועכנטליכן שיעור אין ספרי בעל התניא פאר א חבורה יונגעלייט יעדן מיטוואך נאכט אין מאדע ביהמ"ד. דאס אלעס איז אויסער זיינע אפטע רייכע שיעורים און אינטערוויוס בענייני חסידות וואס דער משפיע געבט כסדר אויפן "אספקלריא" טעלעפאן ליניע.

הרב קליין שטייט בראש פונעם "כולל ללומדי דא"ח", וואס איז אן אלוועלטליכער פראגראם פאר בעלי בתים ובעיקר שליחי חב"ד אומעטום, אז וואו אימער א חסיד געפינט זיך זאל ער קענען זיין א חלק פונעם מסגרת וואו מען לערנט מאמרי חסידות ("דא"ח" – ד'ברי א'לוקים ח'יים) מיט א סדר, אויסגעשטעלט מיט שיעורים און חברותות.

רבי יוסף דינט אלס ראש הכולל, און שטעלט אויס די לימודים אין אלע סארט סוגיות אין חסידות. דער פראגראם איז ספעציעל געאייגנט פאר שליחי חב"ד וואס וואוינען אין גאר ווייטע פארשטופטע מקומות, זיי זאלן אויך קענען הארעווען אינאיינעם מיט א דיבוק חברים בספרי חסידות, און פארשטייט זיך אויך מיטהאלטן "פארברענגענס" מזמן לזמן. דער פראגראם פאדערט אריינצולייגן אומווייניגסטנס פינף שעה א וואך, אין וואס מען צילט דורכצולערנען סוגיות אין חסידות, ווען יעדע סוגיא דויערט צווישן זיבן ביז צען וואכן.

"דו ווילסט עפעס טועם זיין?" שלאגט דער משפיע פאר נאך עפעס אויסער דאס וואסער און די פירות וואס זענען צוגעגרייט אויפן טיש. איך זאג עס באלד אפ האלטנדיג הארט נאכן פארענדיגן נאכטמאל. דער משפיע קאמענטירט דערויף מיט דברים של טעם: "באמת איז 'עסן' פארהאנען מער ביי די אונגארישע חסידים, נישט ביי רוסישע... מיר האבן א מסורה פונעם אלטן רבי'ן אז ביי 'מצוות שהגוף נהנה בהם' איז מען נישט מהדר. דער עסק פון שבת'דיגע קוגלען אדער סיי וועלכער ענין אין אכילה איז א שארפע דוגמא וואו עס ענדערט זיך חסידות חב"ד פון אנדערע חסידות באוועגונגען".

היינט בין איך דא צו פארשטיין וואס איז דאס חב"ד, און איך פאנג באלד אן טראכטן מיט וועלכע שאלה אנצוהייבן, ווען דער משפיע, כאילו ער זאל ווען ליינען מיין שטערן, נעמט איבער דאסווארט, און ער אליין שטעלט גאר די היינטיגע פראגעס...

"כדי צו דערגרייכן די נקודת הדברים, וועל איך פארשטעלן דיינע קשיות און עס נאך אפילו שווערער מאכן", זאגט דער משפיע מיט א פעסטע גרייטקייט פאר טשאלענדזשעס.

"וואס האט דער ספר הקדוש 'תניא' מיט דאס לייגן תפילין פאר א פארלוירענער נשמה אין א נידריגער באן סטאנציע? וואס האבן טיפזיניגע 'מאמרים' פונעם רבי'ן רש"ב, מיט דאס אויפשטעלן אן אימפעריע פון ישיבת תומכי תמימים? וואס האט 'הפצת המעיינות' מיט א נעימות'דיגער עבודת התפלה? וואס האט דאס מסירות נפש פון חב"ד חסידים אונטער קאמוניזם, מיט דעם ענין פון לערנען חסידות פארן דאווענען?

"פון איין זייט איז חב"ד מלא פנימיות, מחשבה און התבוננות, מצד שני זעען זיך אן אומצאליגע חיצוניות'דיגע פעולות מעשיות מיטן תוקף פון 'המעשה הוא העיקר'.

"לאמיר דא אויסשמועסן דעם סך הכל אויף דעם ליובאוויטשער דרך; זיך ארייגלאזן אין א לענגערן שפאציר אין דער היסטאריע און שאפונג פון אלסדינג; זיך באקענען מיט דער נשמה פון חב"ד; צוזאמבינדן אלע שטריקן און אפירזוכן אט דעם 'יסוד' וואס ברענגט הכל על מקומו בשלום, בסייעתא דשמיא".

**נעמט א גלעזעלע "משקה" און "זאגט לחיים", ווייל מיר פאנגען אצינד אן די "חסידישע פארברענגען". לאמיר זינגען אינאיינעם: "אוי צמאה לך נפשי, כמה לך בשרי"... געבט אכטונג! א "התוועדות" מיט רבי יוסף איז נארמאל אז עס זאל זיך ענדיגן מיטן זון אויפשיין... אין געווענליכע אומשטענדן וועט מען זיך פלאגן צו פארשטיין אן ענין אין חסידות אזא צען-צוועלף שעה רואיגערהייט... זענט איר גרייט?**

## פרק א'

## בראשית ימי חב"ד, דאס לעבן און שאפן פונעם "אלטער רבי", די ספרי התניא ושו"ע הרב

איידער מיר וועלן זיך ארייננטון וואס געוני איז דער דרך און תורה פון חסידות חב"ד, פאדערט זיך פריער דורכצוגיין דאס שלשלת האדמורי"ם, אויסצורעכענען די מנהיגים פון זיבן דורות אדמו"רי ליובאוויטש. אין חב"ד שפראך רופט זיך עס "רבותינו נשיאינו".

אלע חסידישע אידן פון אלע הויפן



1




2



**1.** ביי אונזער שמועס פאר'ן 'מאמענט' אין שטוב פונעם משפיע הרב יוסף קליין שליט"א, ראש ישיבת תומכי תמימים אין נייאק

**2. תורה שבכתב פון חסידות.** ספר הקדוש ליקוטי אמרים תניא

**3. אדמו"ר הזקן.** צורת קדשו פונעם אלטן רבי'ן, דער בעל התניא זי"ע

# נוסח חב"ד



ציען זייערע התחלה שטריכן און זענען זיך מתייחס ארויף ביז צום אור שבעת הימים דער בעל שם טוב הקדוש. יעדער איינער האט זיך זיינע רבי'ס וואס זיי ברענגען אים א דירעקטע שייכות צום בעל שם הק' ותלמידיו.

עס זענען דא טייל חסידישע הויפן וואס זייער ראש השלשלת דערגרייכט צום בעל שם אליין, בעת וואס רוב אנדערע הויפן זענען זייערע ראשי השלשלת א תלמיד פון דעם בעל שם'ס ממלא מקום און גרויסער תלמיד – דער מגיד פון מעזריטש זיע"א.

שלשלת חב"ד פאנגט זיך אן דורכן באליבטן און יונגסטן תלמיד פונעם מעזריטשער מגיד, רבי שניאור זלמן מליאדי. ער איז טאקע נאך געבוירן געווארן דורך א ברכה פונעם בעל שם טוב הקדוש, ווי אויך האט דער בעל שם אים אפגעשוירן און געמאכט פיאות זייענדיג דריי יאר אלט, אבער ער איז נאך געווען צו יונג צו קענען מקבל זיין תורת החסידות דירעקט פונעם בעל שם טוב.

זייענדיג ארום צוואנציג יאר אלט, האט רבי שניאור זלמן דערגרייכט מעזריטש, ווען דער מגיד איז שוין געווען אויף די עלטערע יארן. ער איז געווארן א שטארק נאנטער תלמיד צום גרויסן מגיד, און ער האט גאר אסאך תורה מקבל געווען, אזש דער הייליגער בארדיטשובער רב – זיין חבר אין דער געהויבענער חבריא צווישן תלמידי המגיד – האט זיך אויסגעדרוקט: "מיר אלע האבן געגעסן פון איין טעלער, אבער רבי זלמן האט גענומען די סמעטענע". דאס הייסט, "מיר אלע תלמידים האבן צוזאמען תורה געלערנט ביים מגיד, אבער דער בעסטער חלק האט רבי שניאור זלמן גענומען".

נאך וואס דער מגיד איז ארויף לחיי העולם הבא, האט רבי שניאור זלמן מליאדי געגרינדעט זיין אייגענער הויף, וואו ער האט ממשיך געווען מיטן דרך החסידות אזוי ווי ער האט געלערנט ביי זיין גרויסן רבי'ן. אין צוגאב האט ער אויך מגלה געווען זיין אייגענער קנייטש, א דרך העבודה אנדערש פון אנדערע תלמידי המגיד (ווי מיר וועלן שפעטער ברייטער ערקלערן).

יארן לאנג איז אנגעגאנגען די רבי'סטעווע אין דער שטאט ליאדי, וואו רבי שניאור זלמן האט איינגעפלאנצט זיין אויסגעטראטעטענער וועג אין עבודת השם פאר זיינע געהויבענע תלמידים. אין די ערשטע יארן האט ער א גרויס חלק דערפון משפיע געווען אויף א פריוואטן פארנעם, ווען חסידים זענען אריין זיך פראווענען און דורכרעדן אין עבודת השם, גערופן אין חב"ד "יחידות".

מיט די יארן, ווען די צייט האט שוין נישט ערלויבט צו קענען אויסהערן און געבן הדרכה פאר יעדן יחיד פריוואט, האט ער צוזאמגענומען זיין תורה און הדרכה, און פארשריבן אין א ספר. ער שרייבט א הפלא'דיגער לשון אין דער הקדמה: "פון היינט און ווייטער וועט דער ספר דינען אלס א פלאץ וואו יעדער איד קען געפינען אלע תשובות פאר אלע שאלות וואס מען דארף וויסן אין עבודת השם".

ער האט גערופן דעם ספר מיטן ענוות'דיגן נאמען "ליקוטי אמרים", כאילו מ'זאל ווען רעדן פון צוזאמגענומענע מאמרים אן קיין גרויסע חידושים. שפעטער האט דער המון עם אפגעמאכט עס צו רופן מיטן ערשטן ווארט מיט וואס ער פאנגט אן אינעם ערשטן פרק "תניא".

עס איז טאקע וועלט בארימט אז דער ספר הקדוש תניא פארמאגט אלע ענטפערס אין עבודת השם, און עס איז א פונדאמענטאלער ספר ביי אלע אידן צוגלייך. מען האט עס שוין געדרוקט אין צענדליגער שפראכן, אין אומצאליגע מהדורות, וואס ווען מ'רעכנט זיי צוזאמען דערגרייכט עס דעם אומגלויבליכן צאל פון העכער אכט טויזנט מאל דרוקן!

דער ספר איז אזוי פאפולער געווארן איבער דער וועלט, אז דער מחבר ווערט אנגערופן "דער בעל התניא", אין דער צייט וואס ביי חסידי חב"ד רופט מען אים "דער אלטער רבי" (אדמו"ר הזקן).

ביי פיל אנדערע חצרות החסידים אויסער ליובאוויטש, איז אויך דער ספר הקדוש אנגענומען געווארן אלס א יסודות'דיגער ספר אין תורת החסידות. רבי'ס פון פארשידענע הויפן האבן אנגעוויזן אויף געוויסע פרקים אין תניא אז זייערע חסידים זאלן דאס גוט דורכלערנען. צום ביישפיל, אין גור האט מען געוואוסט אז די פרקים פון כ"ו ביז ל' זענען "די גור'ער פרקים". וואס אויף דעם האבן די גור'ער רביים געזאגט "אן לערנען די פרקים ווייס איך נישט וויאזוי מען קען זיין א ריכטיגער ירא שמים".

די אייגנארטיגקייט פון תניא ביחס צו אנדערע ספרי חסידות איז, אז עס איז נישט געבויט על פי סדר הפרשיות אדער לויט מועדים, נאר עס איז א בנין פון פרקים מן הכלל אל הפרט, א מסודר'דיגער אויסשטעל מבאר צו זיין אלעס אין עבודת השם. טאקע דערפאר איז דאס אנגענומען אלס דער ספר היסוד פון חסידות אין אלע קרייזן.

אויך איז די ספעציעלקייט פונעם ספר התניא, צוליב דעם פאקט אז ס'איז גאר נאנט צו תורת הבעל שם און תורת המגיד




## נוסח חב"ד



פון מעזריטש. אין חב"ד איז דאס דער מקור וואס אלע השקפות און שיטות זענען געבויט אויף דעם. אין חב"ד רופט מען עס די "תורה שבכתב פון חסידות", און אלע ספרי חב"ד נאך איר זענען כאילו "תורה שבעל פה" פון חסידות.

דער נאמען פונעם בעל התניא, "שניאור", איז מרמז זיין גרויסער כח התורה פון 'שני-אור' – צוויי ליכטיגקייטן, סיי בנגלת התורה און סיי אין די סודות התורה פון קבלה וחסידות. יעדער איד אין כלל ישראל ווייסט דאך אז חוץ פונעם חסידות ספר תניא, האט ער מחבר געווען א שלחן ערוך, וואו ער פסק'ענט הלכות פון אלע פריערדיגע גדולי הפוסקים, געשריבן אויף אן אויסנאמליכן לשון, פלא'דיג געפלאכטן מיט די ממשות'דיגע לשונות פונעם מחבר און נושאי כלים.

דאס האט ער געשריבן אויפן פארלאנג פון זיין גרויסן רבי'ן דער מגיד, וואס האט אים געגעבן א שליחות מחבר צו זיין דעם שולחן ערוך, הלכות בטעמיהן, און עס איז אנגענומען געווארן אלס דער פוסק, ולאורו הולכים כלל עדת החסידים.

זיין שולחן ערוך האט באקומען דעם נאמען "שולחן ערוך הרב", וואס קומט לכאורה על דרך לשון הגמרא "באתרא דרב הלכתא כרב". דאס הייסט, אז וויבאלד מ'נעמט אן זיינע פסקים, האבן טייל חסידים גערופן דעם אלטן רבי'ן "דער רב" (מיט א פתח אויפן ר').

אפשר ליגט אין דעם נאך א טיפקייט, אז אין דעם אייגנט זיך דער אלטער רבי אנדערש פון די אנדערע תלמידי המגיד, דערפאר וואס זיין יחס צו די חסידים איז געווען נישט נאר ווי א צדיק, נאר אויך ווי א רב מיט תלמידים, אלעס אויפן שטייגער פון הסברה און הרחבה.

אין דער ישיבה'ישער ליטא וועלט, צום ביישפיל אין משנה ברורה, האט דער אלטער רבי באקומען א פערטן נאמען: "הגר"ז" – ה'גאון ר'בי ז'למן, אויפן זעלבן משקל פון נזר יהדות ליטא "הגר"א".

אין אונזער היינטיגער ארטיקל איז נישט דער ציל צו שילדערן דאס רייכע לעבן און שאפן פונעם הייליגן בעל התניא אפילו אויפן שפיץ גאפל. מיר ווילן נאר דערמאנען דא איין חלק פון זיין היסטאריע, וואס איז א גרויסער עיקר אין דעם התייסדות פון חב"ה, און דאס איז די פרשה פון זיין איינשפארונג אין תפיסה.

מתנגדים האבן פאר'מסר'ט דעם צדיק אלס א מורד במלכות, און מ'האט אים איינגעזעצט אין דער רוסישער פעטערבורגער טורמע. גאר באלערנדע מאמרים און אותות ומפתים זענען דא פון יענעם זמן. דער בעל התניא האט פארשטאנען פון הימל אז דאס קומט ווייל דער שטן פארלייגט זיך אויף די גרויסע אורות אין חסידות וואס ער פארשפרייט, און עס האט אים געברענגט ספיקות אז אפשר זאל ער אויפהערן מיטן אויסלערנען ווייטער חסידות, אבער למעשה האבן זיינע רבי'ס זיך באוויזן צו אים פון הימל, און געלאזט וויסן דארט אין תפיסה צעל אז ער זאל ח"ו זיך נישט לאזן פונעם עצת היצר, נאר אדרבה, ווען ער וועט באפרייט ווערן זאל ער נאכמער מוסיף זיין.

אינעם טאג פון י"ט כסלו שנת תקנ"ט, אינמיטן זאגן תהילים ביי דעם פסוק פון "פדה בשלום נפשי", האט מען אים באפרייט פון תפיסה, און אזוי איז דער טאג פארוואנדלט געווארן אלס גאר א גרויסער יום טוב און "חג הגאולה" בקרב חסידי חב"ד.

עס איז נישט נאר א שמחה בגשמיות אז דער אלטער רבי איז ארויס פון געפענגעניש, נאר אסאך טיפער דערפון: עס איז א באוויז אז דער גרויסער קטרוג אין הימל אויף תורת חסידות איז מען אין דעם טאג בייגעקומען. זעענדיג ווי פון הימל וויל מען טאקע אז מען זאל יא ממשיך זיין, האט דער בעל התניא אנגעהויבן צו פארשפרייטן און אויסלערנען דעם המון עם נאכמער און נאך טיפער די מושגים פון חסידות.

זייט דעמאלט איז דער טאג פון י"ט כסלו גאר א גרויסער יום טוב, אזש ווען מ'רעכנט אויס אין ליובאוויטש די געוועונליכע אידישע ימים טובים פונעם יאר, איז י"ט כסלו צווישן זיי. אט דער יומא דפגרא רופט זיך "ראש השנה לחסידות", צוליב דעם דערמאנטן קטרוג וואס דער צד הקדושה האט באזיגט, ווען דער בעל התניא האט פון פריש אנגעהויבן לערנען חסידות פאר כלל ישראל.

יעדעס יאר ווערט עס געפראוועט מיט גרויס דערהויבנקייט, חסידי חב"ד גייען אנגעטון מיט שבת'דיגע בגדים, מען פראוועט א פולשטענדיגער יום טוב'דיגער סדר היום מיט צענדליגער מנהגים, און פארשטייט זיך אז דער שפיץ פון אלעם איז דאס זיך צוזאמזעצן ביי א חסידישער "פארברענגען".

אויך דינט עס אלס דער יערליכער זמן ווען מ'פאנגט נאכאמאל אן איבערלערנען דעם ספר התניא, און מען איז מסיים די רונדע פון דעם פארגאנגענעם יאר. חסידי

חב"ד וואונטשן זיך אין דעם טאג איינער פארן צווייטער "גוט יום טוב, לשנה טובה בלימוד החסידות ובדרכי החסידות, תכתבו ותחתמו".

# פרק ב'

## שלשלת אדמור"י חב"ד – "רבותינו נשיאינו"

נאך דעם הסתלקות פונעם אלטן רבי'ן דער בעל התניא, האט איבערגענומען די הנהגה זיין זון רבי דובער זי"ע (אויך האבן טייל תלמידים געעפנט אן אייגענער הויף, און אויפגענומען אלס רבי א חבר פונעם מיטעלער רבי'ן און תלמיד פונעם בעל התניא, "רבי אהרן סטראשעלע"). שפעטער האט רבי דובער באקומען דעם צונאמען "דער מיטעלער רבי" (אדמו"ר האמצעי). ער האט זיך געצויגן צו דער שטאט ליובאוויטש, וואו דער הויף האט געהאט א המשכה באותו מקום ממש פאר העכער הונדערט יאר (אין אמת'ן, איז דער קשר מיט דעם שטעטל ליובאוויטש שוין געווען פון אסאך פריער, וויבאלד דער אלטער רבי אליין האט געלערנט אין ליובאוויטש אלס צוועלף יעריגער אינגל ביי א חסיד פון בעש"ט, רבי יששכר בער, אבער הערשט אין די צייט פון מיטעלער רבי'ן איז ליובאוויטש געווארן דער מרכז פון חסידות חב"ד).

דער מיטעלער רבי האט שטארק פארברייטערט זיין טאטע'ס מהלך, און צוגעגעבן זייער פיל יסודות'דיגע משלים און ביאורים וואס זענען געווארן פון די נכסי צאן ברזל אין תורת החסידות. א מאמר פונעם אלטן רבי'ן פון איין עמוד, ווערט א פופציג עמודים'דיגער ביאור אין דער תורה פונעם זון. חסידים פלעגן זאגן אויף דעם, "יפה כח הבן מכח האב", אז דער כח פון דעם זון נעמט זיך גאר פון דעם כח פון זיין גרויסער טאטע.

איינער פון די איידעמער פונעם מיטעלער רבי'ן, איז געווען רבי מנחם מענדל שניאורסאהן, אויך א בלוט-אייניקל פונעם בעל התניא דורך זיין מאמע. ער האט ממלא מקום געווען זיין שווער דער מיטעלער רבי נאך זיין פטירה, און אים האט מען גערופן דער "צמח צדק", זייענדיג די גמטריא פון זיין נאמען. (עס איז צום באמערקן, אז אין דעם וויזשניצער שלשלת איז אויך פארהאן דער זעלבער גימטריא געדאנק, נאר מיט א צוגעלייגטן אות י', דאס איז דער "צמח צדיק" פון וויזשניץ, צוליב וואס אין וויזשניץ האט מען געשריבן אן אות י' אין דעם נאמען 'מענדיל', אבער אין חב"ד איז עס בלויז 'מענדל').

דער צמח צדק איז געווען א גרויסער פוסק וואס איז אפילו געווען אנגענומען אויך ביי דער דעמאלטדיגער מתנגד'ישער וועלט. צוזאמען מיטן ליטווישן גדול רבי יצחק וואלאזשינער, האט ער געטון גרויסע עסקנות צו ראטעווען כלל ישראל פון די פארפירערישע משכילים.

דער צמח צדק האט מחדש געווען א נייער צוגאנג בתורת החסידות, ווען ער האט אנגעהויבן מסדר צו זיין דעם ים פון תורת חב"ד, צוצושטעלן איין תורה צו דער צווייטער, ווי אויך צוצוגלייכן אנדערע ספרי מחשבת ישראל. כאטש רוב פון זיינע כתבים זענען פארברענט געווארן, זענען למעשה יא געדרוקט געווארן א שיין ביסל פון זיינע חיבורים, צווישן זיי פופציג בענדער פון זיין ספר אור התורה אויף דרושי חסידות.

ווען דער צמח צדק איז אוועק, האבן זיינע זין געגרינדעט נאך אפצווייגן אינעם חסידות, און עס האבן זיך געשאפן הויפן אין די ארומיגע שטעט וואו די קינדער האבן זיך געצויגן. דער גרעסטע ציבור חב"ד חסידים האבן זיך מקשר געווען צום צווייטן זון רבי יהודה לייב, וואס האט זיך געצויגן צו דער דערנעבנדיגער שטאט "קאפוסט". די אנדערע ברידער האבן גערופן זייערע הויפן "ליאדי" און "ניעזען".

דער יונגסטער קינד פונעם צמח צדק איז געווען רבי שמואל, וואס על פי די קבלה ביי זקני חסידים האט ער באקומען די הנהגה אין דער שטאט ליובאוויטש אויפן ארט פון זיין פאטער. אים האט מען גערופן "דער רבי מהר"ש" פון ליובאוויטש.

מיר וועלן זיך שפעטער אפשטעלן צו ערקלערן דעם באדייט פונעם נאמען "חב"ד", דא איז אבער יא כדאי אויסצושמועסן אז "חב"ד" איז דער נאמען פאר דעם דרך העבודה וואס דער ראש השלשלת דער אלטער רבי האט מייסד געווען. דער הויף דערונטער קען אבער האבן פארשידענע אנדערע נעמען, אזוי ווי עס איז געשען נאכן הסתלקות פונעם צמח צדק, ווען עס האבן זיך געעפנט אנדערע הויפן אויף דעם דרך החסידות פון חב"ד. עס זענען געווען חב"ד-קאפוסט, חב"ד-ליאדי, חב"ד-ניעזין, חב"ד-באברויסק, און אוודאי אויך חב"ד-ליובאוויטש.

ווי דערמאנט, האט קאפוסט פארמאגט דער גרעסטער חב"ד עולם (צווישן די באוואוסטע קאפוסטער חסידים איז געווען דער בארימטער חסידישער גאון


2

1. ביי א 'פארברענגען' מיט המשפיע הרב קליין
2. דער "שולחן ערוך הרב" פון הייליגן בעל התניא
3. די תפיסה פעסטונג אין פעטערבורג, רוסלאנד


3

און עילוי "דער ראגאטשאווער").

צופיל יארן האבן די אנדערע הויפן אויסער ליובאוויטש נישט אנגעהאלטן. צום ביישפיל אין קאפוסט, איז איינער פון די רבי'ס אוועק יונגערהייט אן איבערלאזן א יורש.

אין יאר תרפ"ג, נאך דעם הסתלקות פון הרה"ק רבי שמריהו נח פון באברויסק, האבן כמעט אלע חב"ד חסידים זיך צוריקגעקליבן צום ליובאוויטשער הויף. עס זענען פארבליבן עטוואס ספרים און מאמרים פון די אנדערע חב"ד הויפן, דער מערסט-באקאנטער איז דער קאפוסטער ספר "מגן אבות", אבער ווי איר פארשטייט האבן די ליובאוויטשער נישט קיין סאך געפילעוועט דערינען...

צען יאר נאך דער פטירה פונעם יונגסטן זון פונעם צמח צדק, דער רבי מהר"ש פון ליובאוויטש, האט איבערגענומען זיין זון רבי שלום דובער, "דער רבי רש"ב" פון ליובאוויטש. ער האט איבערגענומען די המשכה אין דער שטאט ליובאוויטש, אבער שפעטער צוליב גזירות און רדיפות פון דער רוסישער רעגירונג, איז ער אריבער צו דער שטאט ראסטאוו, וואו דארט איז טאקע מנוחת כבודו.

דער רש"ב'ס איינציג קינד איז געווען דער קומענדיגער רבי, רבי יוסף יצחק, דער "ריי"צ" פון ליובאוויטש. אויך ווערט ער אסאך גערופן מיטן טיטל "דער פריערדיגער רבי". דער ריי"צ האט זיך מורא'דיג מוסר נפש געווען צו פארשפרייטן אידישקייט און חסידות, טראץ די פיינפולע רדיפות און גלות'ן וואס די רוסישע קעי-דשעי-בי האבן אים צוגעטיילט. אויך איז ער אריבער א שווערע תקופה ווען די רשעים האבן אים אכזריות'דיג פאר'משפט צום טויט, און עס האט זיך למעשה געענדיגט מיט א גרויסער נס און באפרייאונג אין די טעג פון י"ב און י"ג תמוז תרפ"ז. ער האט פון רוסלאנד זיך געצויגן קיין ריגא אין לאטוויע, און שפעטער קיין פוילן.

נאכן דורכשוויצן די אלע פייניגונגען, בשעת דער צווייטער וועלט קריג, אום חודש אדר שנת ת"ש, האט דער מוהריי"צ דערגרייכט דעם אמעריקאנער באדן און זיך באזעצט אינעם דעמאלטדיגן פרישן חרדישן ישוב אין דער שטאט קראונהייטס, אין ברוקלין ניו יארק. דארט האט ער זיך איינגעהאנדלט דאס באקאנטע הויז "770 איסטערן פארקוועי".

זיין איידעם, רבי מנחם מענדל

## שלשלת אדמו"רי ומנהיגי חב"ד



אדמו"ר הזקן: רבי שניאור זלמן מליאדי, בעל התניא והשלחן ערוך ח"י אלול תק"ה – כ"ד טבת תקע"ג



אדמו"ר האמצעי: רבי דובער שניאורי ט' כסלו תקל"ד - ט' כסלו תקפ"ח



אדמו"ר הצמח צדק: רבי מנחם מענדל שניאורסאהון כ"ט אלול תקמ"ט - י"ג ניסן תרכ"ו




אדמו"ר מהר"ש: רבי שמואל שניאורסאהון ב' אייר תקצ"ד - י"ג תשרי תרמ"ג



אדמו"ר הרש"ב: רבי שלום דובער שניאורסאהון כ' חשון תרכ"א - ב' ניסן תר"פ



אדמו"ר הריי"צ: רבי יוסף יצחק שניאורסאהון י"ב תמוז תר"מ - י' שבט תש"י



האדמו"ר מליובאוויטש: רבי מנחם מענדל שניאורסאהון י"א ניסן תרס"ב - ג' תמוז תשנ"ד



די מאפע פון משפחת רבותינו נשיאינו פון די מנהיגי חב"ד



## נוסח חב"ד

1. הגה"ק המקובל רבי לוי יצחק שניאורסאהן זצ"ל, אביו הגדול פון האדמו"ר מליובאוויטש זצ"ל

2. די ציונים הקדושים פונעם צמח צדק און זיין יונגסטן זון, דער רבי מהר"ש, אין דער שטאט ליובאוויטש אין רוסלאנד





שניאורסאהן, אין יענע יארן גערופן "דער רמ"ש", איז א יאר דערויף אנגעקומען קיין אמעריקע און זיך נאכאמאל צוזאמגעטראפן מיט זיין גרויסן שווער. פון דעמאלט אן האט ער זיך געשטעלט ליד חותנו הגדול מיט א שטארקן ביטול, און ארויסגעהאלפן און אויסגעפירט אומצאליגע תפקידים.

ער איז געווען דער לעצטער ליובאוויטשער מנהיג, דער "דור שביעי" פון נשיאות אדמור"י חב"ד-ליובאוויטש, און ער איז נסתלק געווארן גענוי מיט דרייסיג יאר צוריק אום ג' תמוז שנת תשנ"ד. חוץ זיין יחוס אלס איידעם פונעם ריי"צ, איז ער אויך געווען א דירעקטער שניאורסאן אייניקל, זייענדיג א זון פונעם גרויסן מקובל רבי לוי יצחק שניאורסאן, א בן אחר בן פונעם רבי'ן דער צמח צדק זי"ע.

דאס איז אין אן אויגנבליק אן איבערזיכט פונעם שלשלת אדמו"רי חב"ד-ליובאוויטש. אצינד וועלן מיר זיך טיפער ארייננטון אין דער שאפונג און קורות הימים, צו פארשטיין זייער תורה און השקפה אויף א קלארן כראנאלאגישן סדר הדברים.

## פרק ג'

## דרך החסידות: "אחדות השם" און די עבודה צו מאכן א "דירה לו יתברך בתחתונים"

אז מיר זענען שוין באקאנט מיט דער שאפונג און המשכה פון די מנהיגי חב"ד, קען מען זיך אצינד ארייננלאזן צו פארשטיין און באקומען א קלארקייט אין דעם יסוד כללי פון חסידות חב"ד, וואס פארמאגט איין שורש פאר אזויפיל פרטים.

כאטש עס איז אן איידעלע נקודה וואס איז שווער ארויסצוהאבן אויף איין פוס, וועט איר אבער מיטן זיך גוט פארטיפן אין די קומענדיגע שורות, קענען פארשטיין דבר מתוך דבר, ווי יעדער איינציגסטער עסק אין חסידות חב"ד איז א תוצאה פון דעם יסוד. האלט קאפ!

שוין באלד דריי הונדערט יאר צוריק, אין שנת תנ"ח, האט מען פון הימל אראפגעשיקט דעם רבן של ישראל, דער הייליגער בעל שם טוב הקדוש נ"ע, דער בעל ההילולא בחג השבועות, ער זאל אויסלערנען א נייער דרך און צוגאנג צו תורה ומצוות, עפעס וואס דערמיט וועט מען זיך קענען האלטן אין די שפעטערע פינסטערע גלות טעג.

דער בעל שם הקדוש האט נישט מחדש געווען קיין נייע זאך, ער האט פשוט געגעבן א נייער פערספעקטיוו אויף תורה ומצוות. ער האט מדגיש געווען און אויפגעדעקט געוויסע חלקי התורה, בעיקר פון תורת הסוד, זוהר און אנדערע קבלה מקורות, אלעס כדי צו לערנען כלל ישראל א נייער ליכטיגער וועג, סיי וויאזוי צו קוקן אויף תורה און אידישקייט, און סיי וויאזוי מען זאל באטראכטן יעדע זאך וואס עקזיסטירט און קומט פאר אין אונזער גשמיות'דיגע וועלט.

גדולי צדיקי החסידות האבן געגעבן צו פארשטיין, אז חסידות טוט דינען אלס א טעימה פון דער גרויסער ליכטיגקייט וואס ווארט אפ די וועלט ווען משיח וועט קומען. וויבאלד ס'איז שווער צו פארנעמען א פלוצלינג'דיגער אור גדול, האט מען אראפגעשיקט דעם בעל שם הק', ער זאל אביסל פריער אנהייבן אויפדעקן סודות התורה און אנגרייטן דעם עם השם צו די טעג פון ימות משיח וואס מיר שטייען שוין האפנטליך ממש דארט. ווען מען וויל מגדיר זיין און גוט ארויסברענגען אין איין ווארט וואס חסידות איז, וועט לכאורה דאס ריכטיגע ווארט זיין: אור – ליכטיגקייט.

היינט זענען מיר דא צו נייגן אן אויער ביי די ליובאוויטשער חסידים און הערן לפי תורת חב"ד וואס זיי האבן צו זאגן. אין אונזער שמועס מיטן משפיע הרב קליין ערקלערט ער אונז די נשמה פון תורת החסידות.

"חב"ד לויטעט אז דער שפיץ חידוש הבעל שם טוב איז א מושג וואס רופט זיך "אחדות השם". דאס מיינט, בנוסף צו דעם וואס אידן אין אלע דורות ווייסן און גלייבן אז דער אויבערשטער פירט די וועלט אויף טריט און שריט, איז דער בעש"ט געקומען און געעפנט די אויגן, צו ווייזן און ערקלערן אז נישט נאר השי"ת פירט די גאנצע וועלט, עס איז נאכמער פון דעם: "אלוקות איז אלץ און אלץ איז אלוקות!". אין חב"ד קאכט מען כסדר דערינען און מ'איז פארנומען קלאר צו מאכן אז יעדע זאך איז א שטיק "אלוקות".

דאס הייסט, נישטא קיין זאך אויף דער וועלט וואס איז נישט פול מיט געטליכקייט, און נישטא קיין זאך אין וואס דער אויבערשטער רוט נישט אין דעם, נאר יעדע איינציגסטע זאך אויף דער וועלט



1. דער גאנצער געדאנקענגאנג ביי חב"ד חסידים אלעמאל, איז צו מאכן ליכטיג זיך און די גאנצע וועלט, "לעשות לו יתברך דירה בתחתונים". די יערליכע אפיציעלע אויסשטעלונג וואס פרובירט ארייננצונעמען זעקס טויזנט שלוחי חב"ד אין איין בילד.

2. דער בעל שם טוב הקדוש האט נישט מחדש געווען א נייע זאך, חסידות איז א נייע פערספעקטיוו אויף תורה ומצוות. דער אוהל הקודש פון בעל שם טוב אין מעזיבוש



וואס עקזיסטירט, איז דורכגענומען מיט געטליכקייט. געווי דאס באדייט דער לשון "אלוקות" וואס מ'נוצט.

עס זעט טאקע אויס פאר די פליישיגע מענטשליכע אויגן ווי א דבר גשמי, פאר אונז זעט אויס ווי דער בוים איז א בוים, אבער דער בעל שם טוב לערנט אונז דעם אמת אז עכט איז עס א חלק פון הקב"ה. ס'איז נאר אנגעטון און "מצמצום" אין דער חפצא, אין דעם בוים.

וויבאלד אויסער השי"ת איז גארנישט פארהאנען – "אין עוד מלבדו", מוז מען בעל כרחך זאגן אז עס איז נישטא עפעס באזונדער פונעם אויבערשטן, ווייל ווען יא, טוט די זאך בכלל נישט עקזיסטירן.

טאקע אין די העכערע רוחניות'דיגע הימלען זעט זיך אייביג און איבעראל אן דער באשעפער, השי"ת לייכט דארט אן קיין שום הסתרות, דער דרך החסידות לערנט אבער, אז אפילו דא אין אונזער עולם הזה הגשמי איז נאכאלץ יעדע איינציגסטע זאך איינס מיטן אויבערשטן.

כדי ס'זאל זיין בחירה און נסיונות, האט השי"ת געמאכט אז עס זאל זיך דאכטן פאר די מענטשן כאילו ס'איז מעגליך עס זאל עקזיסטירן זאכן "נפרד" – אפגעטיילט, און נישט "בטל" צום אויבערשטן. ביז חסידות, האבן מענטשן געלעבט אזוי. קומט חסידות זאגן פאר א איד, אז אלסדינג איז א שטיק אויבערשטער! עס איז נאר אנגעטון און מלובש אין דברים גשמיים וואס עס זעט זיך נישט אן דערויף דאס "אחדות השם".

עס הערט זיך טאקע ווי מורא'דיג שיינע געדאנקען, אבער וואס וויל דער בעל שם הקדוש מיר זאלן טון דערוועגן? וואו כאפט עס א נפקא מיניה אויף למעשה?

דער בעל התניא דורכאויס זיינע אלע ספרים, מאמרים און אגרות, איז מבאר אט דעם ענין פון אחדות השם מער און מער. איבערהויפט אין די שפעטערע פרקים אין ספר התניא ווערט עס אויסגעשמועסט באריכות. דער הויכפונקט דערפון איז אין פרק ל"ו, וואו ער ברענגט א מדרש תנחומא: "נתאווה לו להקב"ה להיות לו יתברך דירה בתחתונים" – הקב"ה גלוסט צו האבן א וואוינארט אויף אונזער אונטערשטע וועלט.

דער תניא אין יענער פרק געבט צו באגרייפן, אז מאכן א וואוינארט פאר השי"ת "בתחתונים" – אויף אונזער וועלט וואס "אין תחתון למטה הימנו", געשעט דורכן לעבן מיט "אחדות השם" – טרעפן אין יעדער זאך אז עס דער אויבערשטער.

ער שמועסט דארט אויס, אז ווען דער רצון און כביכול די תאוה פונעם אויבערשטן וועט ווערן אויסגעפירט, וועט עס ברענגען די גאולה השלימה, וואס דעמאלט וועט אחדות השם זיין נראה בגלוי פאר יעדן איינעם. דאס איז דער ציל מיט משיח'ס קומען, ס'זאל מער נישט עקזיסטירן א מציאות פון עפעס וואס זעט אויס נפרד פון השם, נאר אין דער גאנצער וועלט זאל זיך דערקענען און ארויסשרייען דעם אמת אז "אין עוד מלבדו" – נישטא עפעס אויסער השי"ת, "השם אלוקינו השם אחד".

דאס איז די נשמה פון גאנץ עבודת השם על פי חסידות חב"ד. ווען אימער מ'טוט א מצוה מיט א דבר גשמי, ברענגט מען ארויס ווי אין אמת'ן איז די וועלט מעיקרא אויף דעם געאייגנט, וויבאלד אלץ איז דאך אלוקות. עס איז נישט פשט אז מ'האט גענומען א פרעמדע זאך, א דבר גשמי, און זיך יעצט באנוצט מיט דעם פאר דעם אויבערשטנ'ס רצון. ניין, דער אויבערשטער איז נישט א גאסט אין זיין וועלט. אדרבה, וואס מען האט אויפגעטון מיטן טון די מצוה איז, אז מען האט בסך הכל אויסגעלייזט דעם דבר גשמי פון איר גלות, און אנטפלעקט און ארויסגעברענגט איר ריכטיגער ענין, ווייל מעיקרא איז אלעס אלוקות. דאס איז "דירה בתחתונים", ארויסצוברענגען ווי דער אויבערשטער איז היימיש און באקוועם כביכול, אין דער וועלט.

דער באקאנטער הימלישער ווערטער אויסטויש פונעם בעל שם הקדוש ביי זיין באגעגעניש מיט משיח'ן אין היכל המשיח, קען מען אצינד בעסער פארשטיין וואס געווי עס מיינט און וואס עס האט מיט אונז אויף למעשה. דער בעש"ט האט אים געפרעגט "אימתי קאתי מר" – ווען קומט משיח?

האט ער געענטפערט: "לכשיפוצו מעיינותיך חוצה" – ווען דיינע קוועלער וועלן ווערן פארשפרייט אינדרויסן!

דאס מיינט, ווען דער ענין פון "אחדות השם", וואס דאס איז "מעיינותיך" –מעיינות הבעל שם – וועט ווערן פארשפרייט מער און מער אין דער וועלט, ווי מער אין "חוצה", אדער אויך גערופן "תחתונים", דעמאלט "קאתי מר", איז משיח אנגעקומען אין דער וועלט. דאס איז דער ענין פון דירה בתחתונים און דאס איז גילוי המשיח, ווייל וואס מיינט משיח'ס קומען? א גילוי אז השי"ת איז דאס גאנצע מציאות! "ומלאה הארץ" – די וועלטליכע ערד אליין, וועט זיין פארפלייצט מיט "דעה את ה'". דאס געשעט שוין אביסל יעצט דורך יעדער מצוה און יעדער דבר טוב וואס א איד טוט פארן אויבערשטן, ווייל דאס אז






בעולם הזה הגשמי טוט א איד א פעולה לשם שמים, שרייט עס ארויס אז השי"ת עקזיסטירט, און וויבאלד מיט יעדער מצוה שאפט מען א קליין ביסל גילוי, דעריבער איז מיט יעדער מצוה משיח שוין אביסל געקומען.

ביי סתם אחינו בני ישראל אויסער ליובאוויטש, איז דער מושג פון "דירה בתחתונים" א שיינער געדאנק וואס געפינט זיך צווישן אנדערע מאמרי חז"ל און אממערסטנס ווערט מען עס הערן אלס א געדאנק ביי א פרקי אבות שיעור... מען לערנט דערוועגן און מ'גייט ווייטער, דאקעגן ביי חסידי חב"ד איז דאס דער שפיץ פון אידישקייט! אלע תרי"ג מצות עשה ולא תעשה איז מיט דער כוונה אויף לעשות לו יתברך דירה בתחתונים!

דער תניא לערנט אז דאס ברויך זיין די הויפט קאנצענטראציע. דאס איז ביז היינט דאס עצם מציאות פון א חב"ד'סקער הארץ און מחשבה. דער גאנצער געדאנקענגאנג ביי חב"ד חסידים אלעמאל, איז צו מאכן ליכטיג זיך און די גאנצע וועלט, "לעשות לו יתברך דירה בתחתונים".

מיט דעם געבט מען צו פארשטיין אלע יסודות אין תורת הבעל שם טוב אין חב"ד. לדוגמא דער ענין פון השגחה פרטית, אלע ווייסן אז דער בעל שם טוב האט מגלה געווען אז דער אויבערשטער'ס השגחה איז אויף יעדן בלעטל וואס פאלט אראפ, אבער פארוואס? וואס איז כביכול דעם בעשעפער'ס אינטערעסע אין דעם? נאך דער תירוץ איז, אז מיט דעם דרוקט זיך אויס די אייניציגקייט פון דעם אויבערשטן, אז ס'איז נישטא קיין זאך וואס איז אפגעזונדערט פון אים.

אזוי קוקט מען אויך אן דער צוגאנג פון דעם בעל שם טוב, זיך צו לערנען פון יעדער זאך, ווייל מעיקרא איז דאס אויף דעם באשאפן געווארן.

דאס איז די נשמה פון דעם גאנצם חסידות צוגאנג צום טבע האדם, נישט עס צו צעברעכן מיט סיגופים, נאר עס אויסצונוצן און אויפהייבן. נוץ אויס דיין חוש הנגינה, דיין כח הגוף און דיין שמייכל צו עבודת הבורא, ווייל מיט דעם ברענגסטו ארויס אז טאקע אין עוד מלבדו, און אויך דיין טבע איז אלוקות.

יעצט פארשטייען מיר גענוי דעם שורש און הסבר הדברים אויף אלע פעולות מעשיות וואס מיר זעען ביי חסידי חב"ד איבער דער וועלט. ווי תורת חב"ד לערנט, איז דער ציל און תכלית פון עבודת השם צו מאכן די וועלט ווי מער באקוועם פאר השי"ת. וואס מער מצוות און מעשים טובים עס וועט ווערן געטון אויף דער וועלט, אלץ מער גרייט עס אן די וועלט צום טאג ווען עס וועט אליין ארויסשרייען אז "אמת הוי"ה" און "אין עוד מלבדו". דעמאלט וועט אפילו דאס מציאות פון דער גשמיות'דיגער וועלט מודה זיין און מסכים זיין צו אחדות השם.

עס זענען דא טאקע אסאך שטאפלען אין דער עבודה פון אריינברענגען בעולם הזה די אנערקענונג פון אחדות השם. עס איז דא די ארבעט עס אריינצוברענגען אין די מוחין, מידות, און אויך גאר שטארק אין מעשה, ווייל עס איז נישטא קיין נידריגערע תחתונים פון דעם כח המעשה, וואס נוצט די גראבקייט פון גוף. בפרט אצינד אין אונזער תקופה פון עקבתא דמשיחא.

חסידי חב"ד קוקן אויף אלע סארט פלעצער איבער דער וועלט, און מ'טראכט און מ'זוכט עצות וויאזוי מען קען עס מאכן פאר א "דירה בתחתונים". זאל עס זיין למשל די טריפה'נע מאנהעטענער גאסן, אדער עפעס א גרויסער גוי'אישער שאפינג צענטער, וויפיל אויבערשטער זעט זיך שוין אן דארט? וויפיל דערקענט זיך דארט דעם אמת אז "לית אתר פנוי מיניה, מלא כל הארץ כבודו"? ס'איז דאך אזא שטארקער גשמיות'דיגער מצב מיט אזויפיל "חוצה" מיט אזויפיל "תחתונים"! אז מ'קען דארט טרעפן א פארלוירענע אידישע נשמה, א איד וואס ווייסט ליידער נישט קיין סאך פון אידישקייט, און מ'קען אים ברענגען צו תורה ומצוות, לייגן תפילין, היטן שבת, צינדן שבת ליכט, האט מען מיט דעם פארגרעסערט די דירה בתחתונים פאר השי"ת. ווי נידריגער דער ארט איז, אלץ א גרעסערער הידור איז עס אין "חוצה" און אין "תחתונים"...

דאס זעלבע איז ביי שליחי חב"ד וואס פארן ארום צו די ווייטסטע ערטער אין די פארשטופסטע נאכגעלאזטע מדינות איבער דעם גלאבוס. מ'זוכט דארט אפיר וואס מער אידן, צו קענען וואס מער אויפטון פאר השי"ת. מען פרובירט אויף אלע פראנטן אויפצוקומען מיט געדאנקען אז מ'זאל דארט קענען פראקטיצירן תורה און מצוות, אלעס כדי אז אויך דארט ווייט אוועק זאל ווערן אריינגעברענגט "אלוקות" אין יענע "תחתונים". דאס גרייט צו די וועלט להביא לימות המשיח! און מיט דעם איז-שוין-משיח-אביסל -געקומען!

אט דער צוגאנג פון אין עוד מלבדו דרוקט

זיך שטארק אויס אין דעם לעבנסשטייגער און אלגעמיינער בליק פון די חב"ד'סקער חסידים צו אלסדינג, וויבאלד זיי קוקן אויף דער וועלט אז דאס איז דעם אויבערשטנ'ס גארטן, און אלעס איז אלוקות וואס מען דארף פשוט מגלה זיין.

חב"ד'סקער שרעקן זיך נישט פון גארנישט, זאל עס זיין די אמעריקאנער רעגירונג, זאל עס זיין דער דער רוסישער פוטין, און סיי וועלכער מאן דאמר אין דער וועלט. זיי אלע זענען דאך באשאפן מיט איין כוונה: "לעשות לו יתברך דירה בתחתונים". נו, טוט מען אים דאך די גרעסטע טובה אז מ'לאזט אים מיטהעלפן אין דער הייליגער ארבעט...

דערפאר טוען די חב"ד פעולות אין קירוב, און דער שטייגער וויאזוי שליחים אפערירן, צוגיין אינגאנצן אנדערש ווי ביי אנדערע אידן אין כלל ישראל וואס זענען עוסק אין קירוב קרובים ורחוקים.

ביי אלע ארגאניזאציעס פון קירוב איבער דער וועלט, איז דער מהלך צו ארבעטן פאר א כלליות'דיגקייט. מ'וויל יענער זאל ווערן א פרומער איד, יענער זאל צוביסלעך ווערן א פולשטענדיגער שומר תורה ומצוות, און מ'טוט דערפאר ארגאניזירן שיעורים און לעקציעס, וואו מען ווייזט אויף פאר די תינוקות שנשבו די זיסקייט און חכמה פון א אידישן לעבן.

אנדערש איז אבער אין חב"ד. מען ארבעט נישט בעיקר אז יענער זאל ווערן א חלק פון אידישקייט, מ'ארבעט נישט יענער זאל ווערן א חלק פונעם כלל, נאר אין חב"ד ארבעט מען אז יענער זאל טון אט די איין מצוה! און דערנאך זאל ער טון בלויז נאך איין מצוה! אין חב"ד גייט צו קירוב דורך "פרטים", די ערשטע זאך – נאך איידער שיעורים איבער אידישקייט – פאנגט מען אן מיטן טון א מצוה. ווילסט האבן עפעס א שייכות מיט יהדות? איז נעשה פאר נשמע! לייג תפילין, שאקל לולב, היט שבת. שפעטער וועט מען לערנען און דיר פארשטיין געבן דעם באדייט פון די אלע פעולות.

יא, עס איז טאקע זייער וויכטיג צו לערנען מיט א פארבלאנדזשעטער נשמה איבער אידישקייט אין אלגעמיין, און עס איז טאקע וויכטיג צו טון וואס אימער אים אריינצוברענגען צו ווערן א חלק פון כלל ישראל, אבער השקפת חב"ד לערנט, אז יעדע מצוה האט אן אומגעהויערער ערך און תכלית פאר זיך. אלע געפילן און טיפע דערהערן פאר אידישקייט האבן נישט קיין ווערד כלפי איינמאל לייגן תפילין.

אז מ'לעבט מיטן ספר התניא, דעמאלט

# דער ליובאוויטשער קאַלענדאר

## דער לוח השנה פון חסידי חב"ד מיט זייערע צענדליגער מועדים וזמנים דורכאויס'ן יאר

אויך אין מועדים וזמנים פארמאגן חסידי חב"ד אַן א שיעור אייגענע ימים טובים און יומי דפגרא. כמעט חודש'ליך זענען דא לכל הפחות צוויי ספעציעלע טעג ווען מ'קומט זיך צונויף אויף א פארברענגען...

געווען איז עס אין א פארשטופטן דריטן וועלט לאנד, ווען א איד איז ליידער אריינגעשליידערט געווארן אין דער ארטיגער תפיסה. האבן זיך די באאמטע פארבינדן מיט דעם ארטיגן שליח חב"ד אז ער זאל אריינגעבן א ליסטע פון אלע אידישע ימים טובים דורכאויס דעם יאר. דער שליח האט זיי באלד אהינגעגעבן א חב"ד'סקער לוח השנה, וואס האט פארמאגט צוגלייך סיי די אידישע ימים טובים און סיי די צענדליגער חב"ד'סקער חגים זמנים, אזוי האט דער איד געהאט עפעס א פארלייכטערונג אין זיין שווערן תפיסה צעל יעדע צוויי וואכן...

לאמיר דורכלויפן און זיך באקאנט מאכן מיט דעם סדר השנה.

**ו' תשרי –**
פטירה פון הרבנית חנה שניאורסאהן
**י"ג תשרי –**
יומא דהילולא פונעם רבי'ן מהר"ש
**כ' חשון –**
יום הולדת פונעם רבי'ן רש"ב
**י"ט כסלו –**
דער רבי איז ב"ה צוריקגעקומען צו די כוחות נאך א הארץ אטאקע
**ט' כסלו –**
יום הולדת פונעם מיטעלער רבי'ן
אויך יומא דהילולא פונעם מיטעלער רבי'ן
**י' כסלו –**
חג הגאולה פונעם מיטעלער רבי'ן
**י"ד כסלו –**
יום הנישואין פונעם לעצטן רבי'ן
**י"ט און כ' כסלו –**
יומא דהילולא פונעם מעזריטשער מגיד
חג הגאולה צו דער באפרייאונג פונעם אלטן רבי'ן
**ה' טבת –**
ליובאוויטשער הויף האט געווינען דעם משפט איבער די ירושה ספרים
**כ"ד טבת –**
יומא דהילולא פונעם ראש השלשלת – דער אלטער רבי
**י' שבט –**
יומא דהילולא פונעם ריי"צ
תחילת נשיאות פון לעצטן רבין

**כ"ב שבט –**
פטירה פון הרבנית חיה מושקא
**ט' אדר –**
דאס אנקומען פונעם ריי"צ קיין אמעריקע
**ב' ניסן –**
יומא דהילולא פונעם רבי'ן רש"ב
**י"א ניסן –**
יום הולדת פונעם לעצטן רבי'ן
**י"ג ניסן –**
יומא דהילולא פונעם צמח צדק
**ב' אייר –**
יום הולדת פונעם רבי'ן מהר"ש
**ו' סיון –**
יומא דהילולא פונעם בעל שם טוב הקדוש
**כ"ח סיון –**
דאס אנקומען פונעם רבי'ן קיין אמעריקע
**ג' תמוז –**
דער אנפאנג פונעם נס הצלה פונעם ריי"צ
יומא דהילולא פונעם לעצטן רבי'ן
**י"ב-י"ג תמוז –**
יום הולדת און אויך חג הגאולה פונעם ריי"צ
**כ' אב –**
יומא דהילולא פונעם לעצטן רבינ'ס פאטער המקובל רבי לוי יצחק
**ח"י אלול –**
יום הולדת פונעם בעל שם טוב
יום הולדת פונעם אלטן רבי'ן
**כ"ט אלול –**
יום הולדת פונעם רבי'ן דער צמח צדק

אנערקענט מען אז עס איז פיל וויכטיגער אז א אידישע נשמה זאל אט יעצט, אין דער טאג און אין דער מינוט, שוין אריינכאפן צו טון נאך א מצוה און נאך א מצוה, ווייל דאס וויל השי"ת פון אונזער וועלט, מיר זאלן טון און טון נאך און נאך לעשות לו יתברך דירה בתחתונים.

עס שטעלט זיך ארויס אן אינטערעסאנטער פאקט, אז די שליחי חב"ד אומעטום קאנצענטרירן זיך נישט דוקא צו טון מצוות נאר מיט אזעלכע אידן וואס זענען א חלק פון זייערע פראגראמען, נאר די שליחים ווילן ארבעטן מיט סיי וועם וואס זיי טרעפן אן. אפילו דער שליח וועט פון דעם גארנישט פארדינען, און אפילו קיינער וועט קיינמאל נישט וויסן אז ער האט געלייגט תפילין פאר דעם איד אין אט דעם פארשטויסענעם ווינקל. ווייל אז מען טרעפט א איד אויף דער גאס און מען טוט מיט אים א מצוה'לע, האט מען שוין מיט דעם אליין גאר אסאך אויפגעטון. מ'זוכט צו טון אפילו פרטים, נישט נאר אויב עס וועט דורכדעם אריינברענגען דעם דערווייטערטן איד אינעם כלל.

מ'הערט טאקע כסדר פון בעלי תשובה, אז זייער ערשטער אריינטריט אין אידישקייט איז געווען אט די מינוט ווען א חב"ד'סקער האט מיט אים א מצוה געטון, אן דעם וואס ער זאל עפעס וויסן אדער פארשטיין פון פריער. דאס מציאות שטעלט זיך טאקע ארויס ווי חז"ל זאגן שוין, אז "מצוה גוררת מצוה".

דער משפיע הרב קליין שטעלט זיך דא אפ צו באררין א זייטיגע נקודה:

אז מען רעדט יעצט וועגן דעם השקפה חלק אונטער די שליחים, איז כדאי ארויסצוברענגען נאך א נקודה: אפטמאל טוען פרומע אידן פון אנדערע קרייזן אויסער ליובאוויטש רייזן ארום די וועלט, אויף ביזנעס צי אויף אפרו, און מען באנוצט זיך מיט לאקאלע בתי חב"ד אויף מניני תפילה אא"וו, און דא געשעט א שטיקל פאנטשער. די באזוכער פארשטייען נישט געוועגליך דעם שליח'ס זייט, עפעס רעדט מען זיך נישט צוזאם, דערפאר לאמיר עס אויסשמועסן.

דער ליובאוויטשער שליח פון זיין זייט וואלט בעצם פונקט ווי דיר געוואלט וואוינען אין א פרומען היימישן ישוב, ארומגענומען מיט אחינו בני ישראל, הנאה האבן פון א לעבן וואס טוט זיך אפ אין א אידישער שטאט. ער איז גאנץ ווייניג אינטערעסירט אין אזא סארט "פארוויילונג" ווי גיין וואוינען ערגעץ ווייט אוועק, איבערלאזנדיג משפחה און גוטע פריינט אינדערהיים, און זיך מוטשענען טאג טעגליך אויף כשרות, מקוה אא"וו.

א שליח איז על פי רוב בכלל נישט נייגעריג צו דינען אלס קאנדידאט אז קול מבשר זאל אים אינטערוויואירן אויב געשעט עפעס א נייעס אין זיין שטאט... עס אינטערעסירט אים קנאפ די אלע ערדציטערנישן אדער פאליטישע אומרוען וואס פאסירן ארום אים. ער איז נישטא זיך ארויסצושטעלן אלס א קוריאזער מאן וואס וואוינט אין די מרחקים און קען ברענגען פאר די ניו יארקער אידן אן ערשטהאנטיגער לעבעדיגער באריכט...

ער איז אויך נישט געקומען אויפצושטעלן א לאקאלער סערוויס פאר פרומע אידן וואס קומען אויף וואקאציע אדער ביזנעס און ווילן א מנין אדער כשר'ע איבערבייס. פארדעם וואלט ער געבליבן אין קראונהייטס... ער רייסט זיך אוועק פון זיין היימשטאט מיט מסירות נפש אויפצוטון פארן אויבערשטן צו ברענגען אלוקות אין דער וועלט, דורכן אפירזוכן דוקא דערווייטערטע אידישע נשמות וואס וויסן פון גארנישט, און זיי ברענגען מקיים צו זיין תורה ומצוות. דאס איז וואס אינטערעסירט אים! און בלויז פארדעם איז ער דא זיך מקריב צו זיין!

א שליח פארשטייט אז אויב האט די השגחה עליונה געפירט אז א צווייטער פרומער איד זאל אנקומען צו דעם פלאץ, לכאורה מיינט עס אז ער וועט אויך עפעס טון דא פאר אידישקייט. דער שליח טראכט צו זיך: געהערט עס דען נאר פאר מיר אז נאך א פארלוירענע נשמה זאל קומען נענטער צו אידישקייט? איז עס מיין אייגענער ביזנעס אז א פרעמדער איד זאל טון א מצוה? עס איז דאך א פליכט אויף אלע אידן, כל ישראל ערבים. אז א היימישער איד איז געקומען צוגיין, לכאורה וועט ער זיין א שותף דא אין די פעולות, און זיך אנטראגן ארויסצוהעלפן צו טון פארן רבונו של עולם.

דער שליח ווארט אז דער ערליכער איד זאל ארויסהעלפן, ווי אנפולן די מקוה, מסדר זיין דעם בית המדרש, אוועקפאקן די ספרים, שטיצן מיט געלט, מקרב זיין די לאקאלע אידן. פיל מאל אבער, קומען צוגיין היימישע אידן און ערווארטן אז דער שליח זאל זיך גאר מיט זיי אפגעבן... זיי ערווארטן אז מ'זאל זיי מקרב זיין, צושטעלן צו עסן וכו'. פאר דעם שליח פאלט נישט ביי אז א פולשטענדיגער פרומער איד זאל ערווארטן



אינגאנצן דאס פארקערטע, מ'זאל זיך גאר מיט אים דארפן אפגעבן...

חסידי חב"ד חזר'ן אלעמאל דעם מאמר חז"ל "אני לא נבראתי אלא לשמש את קוני" – איך בין באשאפן געווארן נאר צו טון וואס השי"ת וויל. מען פרובירט זיך צו לייגן אינגאנצן אין א זייט, מען איז זיך מבטל צום אויבערשטן אן קיין חשבונות. נאר איין חשבון מאכט מען אלעמאל: "וואס איז רצון העליון? וואס איז דער כוונה עליונה?"

די עבודת השם פאדערט איין זאך, אריינצוברענגען אלוקות אין דער וועלט! בויען פאר אים א דירה בתחתונים. מען טוט נישט קיין שום פעולה צוליב א חשבון אז מען וועט עפעס פארדינען דערפון. מען איז מוותר אויף גשמיות און מען איז מוותר אויף מדריגות אין רוחניות, און אויף דעם איז מען אין חב"ד מחנך – צו זיין גרייט זיך אוועקצוגעבן עד הסוף.

א חב"ד'סקער יונגערמאן איז אמאל געשטאנען אין א פראסטיגן קאלטן וועטער נעבן א גרויסן שאפינג צענטער אויף "מבצע תפילין", צו פרעגן פארבייגייער צי זיי זענען אידן און צי זיי וואלטן געוואלט לייגן תפילין.

ווי געווענליך האבן רוב עוברים ושבים זיך ניטאמאל מתייחס געווען צו אים, און ווי אייביג זענען געווען טייל וואס האבן אים אנגעשריגן, אנדערע האבן פרובירט מרמז צו זיין אז ער זאל מער נישט קומען דא שטערן, און מאנכע האבן אים אנגעמאכט בזיונות. דער יונגערמאן איז אבער פון גארנישט נתפעל געווארן, נאר ער האט ווייטער ממשיך געווען מיט זיין עבודת הקודש.

א צווייטער איד וואס איז געזעצן אין א דערנעבנדיגן קאר נישט ווייט, האט דאס אלעס באטראכט און מיטגעהאלטן פונדערווייטנס. נאך א שטיק צייט צוקוקן דעם פייער און איבערגעגעבנקייט פונעם חסיד, האט ער אראפגעדרייט דעם פענסטער פון קאר און אויסגערופן צום ליובאוויטשער יונגערמאן, "פאר אלע געלט אין דער וועלט, פאר סיי וועלכן שכר גשמי אדער שכר רוחני, די וועלט און יענע וועלט, וואלט איך נישט געטון דאס וואס דו טוסט!"

דער יונגערמאן האט זיך אפילו נישט ארומגעדרייט, נאר מיט א האלבן שמייכל צוריקגעשאסן, "איך וואלט אויך נישט...".

## פרק ד'

## ח'כמה ב'ינה ד'עת — נוצן דעם קאפ אריינצוברענגען "אלוקות" ביי זיך אין הארץ

פיין, ווייסט מען שוין וואס דער בעל שם הקדוש האט אונז געלערנט. מ'פארשטייט שוין (א משהו) די עבודה פון א איד צו טון ווי מער מצוות און מעשים טובים אריינצוברענגען "אחדות השם", און מאכן די וועלט א "דירה בתחתונים".

יעצט וויל מען וויסן, וואס איז דער חידוש פונעם בעל התניא'ס "תורת חב"ד", וואס איז אנדערש ווי אנדערע חסידות'ן? וואס איז דער באדייט און פשט אנצורופן א דרך אין חסידות מיט די ראשי תיבות פון ח'כמה ב'ינה ד'עת (וואס זענען די דריי שטאפלען וויאזוי דער מענטשליכער מוח פונקציאנירט), ווען לכאורה איז פונקט פארקערט, חסידות קומט דאך ארויסברענגען דאס הארץ, די נשמה פלאם. ווי איז מען דא אריינגעפאלן מיטן קאלטן מוח?

נאכמער, לויט אונזער גאנצער שמועס ביז יעצט, זוכט דאך חב"ד די מעשה בפועל, א דירה בתחתונים, איז ווי קומט מען פון דעם זיך צו פאר'מוח'ן אין התבוננות און זיך פארזינגען אין עבודת התפילה באריכות?

דער משפיע הרב יוסף קליין איז ממשיך מיט זיין הסבר הדברים: ביז אהער האבן מיר אויסגעשמועסט דעם כלליות'דיגן דרך החסידות (לפי מסורת חב"ד), איבערן חלק פון אריינברענגען אלוקות אין דער וועלט דורך פאקטישע פעולות מעשיות.

דער בעל התניא האט צו דעם מוסיף געווען א גאר גרויסער באדייטנדער חלק, צו נעמען די עבודה פון עוסק זיין אין אחדות הבורא צו פיל א העכערן שטאפל, און דאס איז דער באגריף פון נוצן דעם קאפ אויף אחדות השם. דאס הייסט, אז נישט נאר זאל מען טון פאקטישע מעשים אינדרויסן פון זיך, נאר אפילו דאס פנימיות פונעם מענטש אליין זאל אויך זיין פול מיט אחדות השם. ווי חב"ד רופט עס, אז דער מענטש זאל זיין "אדורכגענומען" מיטן אמת פון "אין עוד מלבדו".

דער בעל התניא האט געלערנט א מהלך וואס דערמיט קען מען אריינברענגען אינעם מענטש אחדות השם, עס זאל זיך שפירן אין הארץ מיט א פעסטער זיכערקייט אז ס'איז



1


2






**1.** דער משפיע ערקלערט אן ענין אין חסידות ביי דער יערליכער מלוה מלכה לכבוד חג הגאולה י"ט כסלו אין מאנסי בהשתתפות גדולי וחשובי רבני עיר מאנסי

**2.** וויבאלד "מוח שליט על הלב" וועט דוקא "התבוננות" זיין דער בעסטער וועג צו א שטארקער זיכערקייט און פעסטע געפיל אין דער אמונה פון מציאת השם. **מאלעריי ווי חסידים גרייטן זיך צום דאווענען.**

## נוסח חב"ד

נישטא עפעס א מציאות אויסער השי"ת.

אין חב"ד איז דא א שטארקע ווארט דערויף, אז עס זאל זיין "אפגעלייגט" – דהיינו, דער מענטש זאל זיין אזוי זיכער אין אחדות השם מיט אן אויסטערלישער מסקנה אן קיין צווייפיל און אן קיין שום הוא אמינא אין דעם.

פאקטיש גערעדט, איז א בשר ודם אויך אריינגערעכנט אין "תחתונים", און פאר אים דארף מען אויך פארשפרייטן די מעיינות החסידות, אז די "חוצה" – אין דעם פאל דער מענטש – זאל אויך ווערן א דירה בתחתונים. האסטו דען א נידריגערע תחתונים ווי די ווילדע נפש הבהמית וואס הערט נישט אויף גלוסטן תענוגי עולם הזה? אפשר גאר איז דאס נאך די וויכסטיגסטע, צוערשט איבערמאכן דעם מענטש אליין פאר מען גייט פארדעכטן די גאנצע וועלט...

אבער וויאזוי? וואס קען העלפן צו נעמען מענטשליכע מחשבות, הארץ און געפילן, מידות און מוחין, און איר אנפולן מיט אלוקות?

פאורדעם האט דער הייליגער בעל התניא אוועקגעשטעלט דעם דרך פון "חב"ד", וואס דאס מיינט נוצן דעם קאפ צו טראכטן איבער דער גרויסקייט פונעם אויבערשטן.

א מענטש דארף נוצן זיינע דריי שטאפלען פונעם מח – חכמה, בינה און דעת – זיך מתבונן צו זיין, און זיך האלטן אין איין פארטיפן אין אט דעם געדאנק, אז יעדער דבר גשמי אויף דער וועלט, און איבערהויפט זיך זעלבסט, די מחשבות, די געפילן, אלעס איז א שטיק אלוקות. מען זאל נישט אויפהערן טראכטן און טראכטן אין דעם ענין פון אחדות השם.

עס איז נישט עפעס וואס געשעט אין אפאר מינוט, עס איז א לעבנסלענגליכע הארעוואניע.

דוקא דורך דעם מיטל פון אסאך אסאך התבוננות אין גדלות הבורא און אין אחדות השם, וועט ארויסקומען די בעסטע לעזונג און אויפטו, אנצופולן דעם מענטש מיט א שטארקער זיכערקייט און פעסטע געפיל אין דער אמונה פון מציאת השם.

די סיבה דערפון איז, וויבאלד דער אויבערשטער האט אויסגעשטעלט דעם מענטשליכן סיסטעם אז "מוח שליט על הלב" – וואס מען טראכט, אזוי פילט מען אין הארץ. ממילא אז מען וויל אריינברענגען אלוקות אינעם מענטש, איז די בעסטע אפציע צו נוצן דעם מוח דערפאר.

וואס מער מען טראכט און מען איז זיך מתבונן אין דער גרויסקייט און איינציגקייט פונעם אויבערשטן, וועט עס מער און מער צוברענגען ביים מענטש אן אנגעפולטע הארץ און שכל מיט אחדות השם, וואס זעט אלוקות אין יעדער זאך. אזוי וועט דער מענטש ווערן א ריכטיגע באקוועמע דירה לו יתברך, אפילו אין אט דער חוצה און תחתונים פון א גשמיות'דיגן בשר ודם, וואס איז ביז היינט נישט געווען אנגעפולט מיט אלוקות.

דאס וואס א מענטש טראכט און איז פארנומען מיט, דאס ווערט ער. וואס זיינע דעות און שיטות זענען, אזוי איז זיין גאנצע מהות. להבדיל א מענטש וואס איז פול מיט שיטות און דיעות פון קאמוניזם, וועט מען אים רופן "א קאמוניסט". לכאורה פארוואס עפעס, זענען דען זיינע הענט און פיס א חלק פון קאמוניסטישקייט? פארוואס בשעת ער שלאפט קען מען זאגן אז "דער קאמוניסט שלאפט"? דער תירוץ איז, ווייל דאס וואס ער האלט, זיינע דעות און שיטות, דאס אין וואס ער איז עוסק, מיט דעם איז ער אנגעפולט אינגאנצן. אויב האט ער שיטות פון קאמוניזם, איז זיין גאנצער גוף א חלק דערפון.

פונקט אזוי איז מדה טובה מרובה. אז א איד פארנעמט זיך מיטן מתבונן זיין אין דער גרויסקייט פון אויבערשטן, ער איז עוסק אין אחדות הבורא, דאן בייט זיך זיין גאנצע מהות, און זיין מוח און זיינע הרגשים ווערן פול מיט אלוקות.

מענטשן זענען זייער לייכט גרייט צו טון א פעולה – מוותר זיין, טון א טובה פאר א צווייטן – אבער בייטן די דעה? איך זאל טוישן מיינע מיינונגען צוליב א צווייטן? דאס איז די שווערסטע זאך.

פארוואס? ווייל 'זיין דעה' איז דאך אים אליין.

עס איז דא א חב"ד'סקער ווארט אז די קלענסטע תלמידים פונעם בעל התניא זענען געווען אזוי גרויס אז זיי האבן גאר געקענט מחיה מתים זיין! חסידים הראשונים האבן אמאל עס געגעבן צו פארשטיין מיט א געשמאקן דערהער: ס'איז דאך נישטא נאך אזא טויטע זאך ווי א מענטש'ס מחשבות! עס איז קאלט, אויסגערעכנט און טרוקן. אז דער בעל התניא האט געקענט לערנען זיינע תלמידים דאס צו באלעבן און אריינברענגען אחדות השם אין זייער שכל, איז נישטא קיין גרעסערע תחיית המתים ווי דעם...

אלע רביים אין חב"ד האבן עוסק געווען מער און מער מבאר צו זיין באריכות די איין נקודה פון אחדות השם – דירה בתחתונים. וואס מער א איד לערנט און פארטיפט

# קהילת המלאכים

## דער אפצווייג פון תורת ונוסח חב"ד אין דער היימישער וויליאמסבורג

על פי רוב ווען אימער מען דערמאנט נאר דאסווארט "חב"ד", קומט באלד ארויף אויפן געדאנק די היינטיגע גרויסע אימפעריע "חסידות ליובאוויטש", וואס איז א וועלט פאר זיך, מיט טויזנטער משפחות איבער דער גארער וועלט, און איז הויפטקווארטירט אין קראונהייטס, ניו יארק.

נישט יעדער איז באוואוסטזיניג אז בעצם תורת ונוסח חב"ד איז נישט דוקא עפעס וואס געהערט אלעמאל צו אט דעם ספעציפישן קרייז. דער דרך החסידות פון חב"ד וואס מיר שמועסן אויס אין אונזער היינטיגער ארטיקל, איז אייגנטליך א דערהויבענער ליכטיגער דרך אין עבודת השי"ת, וואס איז געאייגנט פאר אידן אומעטום נהנה צו זיין מאורו.

עס זענען היינט פארהאן טויזנטער יחידים אדער חבורות וואס הארעווען אין ספרי חב"ד, און דאווענען מיט א טיפן התבוננות לויט דעם זיסן חב"ד'סקער שטייגער, און נישט אלע פון זיי זענען דוקא אנגעבינדן אין דעם גרויסן "ליובאוויטש".

ווי מיר דערמאנען שוין אינעם ארטיקל גופא, זענען אין דער פארגאנגענהייט געווען מערערע חב"ד הויפן אויסער ליובאוויטש. עס זענען געווען חב"ד-קאפוסט, חב"ד-באברויסק, חב"ד-ניעזען, חב"ד-ליאדי, חב"ד-ליאזנע און אוודאי אויך חב"ד-ליובאוויטש. עס איז אפילו געווען א תקופה פון לאנגע יארן וואס דער גרעסטער חב"ד הויף איז געווען קאפוסט און ניטאמאל ליובאוויטש.

אויך דא ביי אונז אין ניו יארק, איז געווען – און עס איז נאך דא – א מציאות פון חסידי חב"ד וועלכע געהערן נישט קיין ליובאוויטש.

אין א ווינקל פונעם היימישן וויליאמסבורג געפינט זיך די שול פון דער אלטער חבורה גערופן "די מלאכים". כאטש זיי האבן צופיל שייכות נישט מיטן דערנעבנדיגן קראונהייטס, זענען זיי שוין יארן לאנג זיך נוהג על פי נוסח ומנהגי חב"ד.

זיי זענען געווענליכע שטריימל-בעקיטשע חסידים, און פרומע וויליאמסבורגער קנאים, אבער זיי הארעווען אין די ספרים פון די ערשטע דריי אדמו"רי חב"ד לדורותיהם. זיי פראווענען חב"ד'סקער פארברענגענס, און פירן זיך לויט פילצאליגע ליובאוויטשער מנהגים.

זייער רבי "דער מלאך", איז געווען הגה"ק רבי חיים אברהם דובער לעווין זצ"ל – א דערהויבענער און גאר פרומער חב"ד חסיד, וואס איז געווען א משפיע יארן לאנג בישיבת תומכי תמימים אין ליובאוויטש שברוסלאנד.

ער איז ליידער געווארן א יתום פון זיינע עלטערן זייענדיג בלויז עלף יאר אלט ל"ע, און ער איז נתגדל געווארן ביי זיין פעטער וואס האט זיך נאך מסתופף געווען ביים מיטעלער רבי'ן. אלס קינד האט ער זיך מסתופף געווען ביים צמח צדק פון ליובאוויטש זי"ע.

ער איז אליין פארבליבן און זיך פאררופן א תלמיד פונעם צמח צדק, כאטש וואס שפעטער נאכן הסתלקות איז ער ארומגעפארן צו די הויפן פון די קינדער, ובפרט ביים רבי'ן מהר"ש אין ליובאוויטש, דאך האט ער נישט אנגענומען דעם מהר"ש אלס זיין רבי'ן. שפעטער אין די צייטן פונעם רבי'ן רש"ב, איז ער געווען גערעכנט פון די זקני החסידים און גדולי המשפיעים.

אין יענע טעג האט דער רש"ב'ס בן יחיד – דער ריי"צ מליובאוויטש – אנגעפירט די ישיבה. רבי חיים אברהם דובער האט געהאט פארשידענע אנדערע דעות וויאזוי דער ריי"צ זאל פירן די ישיבה, און צוליב די מיינונגס פארשידנהייטן האט ער געדארפט פארלאזן ליובאוויטש. אויך האט ער זיך דערוואוסט אז די רוסישע רעגירונג פארלאנגט אז זיין זון זאל זיך שטעלן צום מיליטער, דערפאר האט ער אלעס איבערגעלאזט אין אייראפע און ער האט זיך געצויגן קיין אמעריקע.

אנקומענדיג על אדמת אמעריקע אין די צייטן פון דער ערשטער וועלט מלחמה אין שנת תרפ"ד, האט זיך פאר אים אנטפלעקט די געוואלדיגע ירידה אין אידישקייט וואס האט דא געהערשט אין יענע טעג. ער האט באגעגנט דאס מציאות אז טויזנטער אידן, פליטים פון אייראפע, האבן פולשטענדיג איבערגעלאזט זייער פרומער חסידישער לעבנסשטייגער אינעם עבר.

מיט זיין העכערע השקפה פון תורת חב"ד צוזאמען מיט אן עקשנות דקדושה, האט ער מלחמה געהאלטן מיטן געפאלענעם אידנטום, ווען דערמיט האט ער אויפגעשטורעמט דאס יהדות ניו יארק.

ער האט זיך נישט דערשראקן צו זיין דער איינציגסטער וואס גייט שטאלצערהייט אין גאס מיט דער פולער חסידישער צורה פון בארד, פיאות און א ברייטער טלית קטן. זיינע פעולות אין אזעלכע צייטן האט געברענגט אז דער המון עם האט אים צוגעטיילט דעם נאמען "דער מלאך", ווי צו זאגן, אז זיך צו קענען אזוי פירן בימים ההם אין די ניו יארקער מאדערניזירטע גאסן, מוז מען זיין אויף דער מדריגה פון א מלאך...



דער באשיידענער ווינקל פון די 'מלאכים' אויף 205 יוז סטריט אין וויליאמסבורג

דער מלאך האט געוואוינט אין די בראנקס, און געדינט אלס רב פון דער חב"ד'סקער קהילה וואס האט זיך גערופן "צמח צדק נוסח האר"י ד'בראנקס". ער האט ממשיך געווען מיט די הייליגע מנהגים פון ליובאוויטש אינדערהיים, א שטייגער אז אום שבת ויום טוב האט ער זיך מלבש געווען מיט בגדי לבן, לויט ווי עס איז געווען דער מנהג פון זיין רבי'ן דער צמח צדק (ווי מ'זעט אויפן באקאנטן בילד).

אין יענער צייט האבן ערליכע

בחורים'לעך פון ישיבת תורה ודעת אין וויליאמסבורג אנגעהויבן איינזען אין דער גרויסקייט פונעם אדם הגדול בענקים דער מלאך, און זיי האבן זיך צו אים מקשר געווען און זיך אנגעהויבן פירן לויט זיין הדרכה. זיי האבן פון אים גענומען דעם קוראזש און געגאנגען אין גאס שטאלצערהייט מיטן אידישן לבוש, בארד, פיאות און א ברייטער טלית קטן.

אין יענע צייטן איז דאס געווען אויסערגעווענליך און מאדנע, און עס האט זיך געפאדערט א געוואלדיגע מאס מסירות נפש זיך צו קענען שטארקן און נישט פאלן ביי זיך. מ'האט צו דעם געדארפט זיך פורש זיין מן הציבור, וויבאלד דאס רוב שומרי תורה ומצוות אין יענער צייט האבן דאס נישט געקענט אראפשלינגען. אין תורה ודעת האבן זיי צו לאנג נישט געקענט פארבלייבן אזוי... נאך א שטיק צייט האט די חבורה בחורים געגרינדעט אן אייגענער ביהמ"ד און ישיבה.

דער מלאך אליין האט נישט געוואוינט אין וויליאמסבורג, אבער זיין השפעה און השראה האט זיך אלעמאל געשפירט. דארט האבן זיי געקענט אפיציעל עוסק זיין אין תורת והשקפת חב"ד, און מחנך זיין א דור זיך צו פירן מיט די העכערע סטאנדארטן פון פרומקייט אזויווי זייער רבי'ן. נישט לאנג דערויף האבן זיי געקריגן דעם צונאמען "די מלאכים".

מיר וועלן זיך אצינד נישט ארייןלאזן אין זייער רייכע היסטאריע, און אין די צענדליגער פרומע הנהגות. אינעם ספר "המלאך – שערי השגות" וועט איר געפינען רייכע קאפיטלען וואס געבן אראפ דאס לעבן און שאפן, ווי אויך די שפעטערדיגע היסטאריע קאפיטלען פונעם מלאך מיט זיינע תלמידים די מלאכים (אגב, דער יארצייט פונעם מלאך געפאלט אויך אין די טעג, אינעם ערשטן טאג שבועות).

מיר דערמאנען דאס צוליב דעם שלימות הענין, ווען מיר זענען זיך היינט משתדל צו ברענגען פאר די ליינער א היקפ'דיגער איבערזיכט פונעם דרך ותורת חב"ד, ווי אויך צוליב וואס ביים שרייבער פון די שורות פליסט חב"ד'סקער/מלאכים בלוט, זייענדיג אן אייניקל פון מיין חשובער זיידע הרה"ח ר' יעקב אוסטערליץ ע"ה, וועלכער האט יארן צוריק – וואוינענדיג אין וויליאמסבורג – זיך געציילט און געדאוונט אין דער חבריא קדישא, און עוסק געווען מיט אנגרייטן די בחורים'לעך פון די מלאכים צו זייער בר מצוה.

היינט ווערט יעדער וואס האט נאר אין די בראשית יארן געעפנט א ביהמ"ד, חדר, אדער ישיבה אד"ג, באטיטלט אלס דער העלד וואס האט "אוועקגעשטעלט" תורה און חסידות אין אמעריקע. דער אמת איז אבער, אז דער מלאך איז געווען דער וואס האט פאקטיש אלעס אנגעהויבן.

בימיו האט ער מיט מסירות נפש דורכגעבראכן דאס זיך קענען פירן ווי א ריכטיגער חסידישער איד. זיין פריוואטע מסירות נפש האט אוועקגעשטעלט אידישקייט אין אמעריקע, וואס אויף דעם האבן די קומענדיגע געקענט אסאך לייכטער בויען די היינטיגע חרדישע אידישקייט, מיט וואס מיר זענען באקאנט.

זיינע נאכפאלגער די מלאכים, האבן אין דעם געהאט א גרויסן חלק. טראץ וואס זיי זענען דעמאלט געווען א קליינע הייפעלע משפחות – גאר קליין בכמות, האט עס אבער באיכות געלאזט א געוואלדיגע השפעה פאר דער גאנצער צוקונפט. ניטאמאל דערקענט זיך עס צופיל אין די היסטאריע ביכער אז זייער קליינע חבורה איז געווען די וואס האט אוועקגעשטעלט די עקזיסטענץ פאר פרומע אידן אין אמעריקע, אבער אפילו אזוי איז נאכאלץ קלאר אז מיר לעבן היינט פון זייערע זכותים און יסודות.

אז מען געבט א דריי מיטן גרויסן פינגער, לאזט זיך מאכן דעם פשוטן פשעטל, אז אונזער פעסטע אידישע סטאטוס היינט אין ניו יארק, איז צו פארדאנקען די הייליגע השקפה און דרך פון תורת חסידות חב"ד...

זייער קהילה גייט נאך היינט אן לשם ולתפארת אין זייער אלטער באשיידענער ביהמ"ד "נתיבות עולם" אויף 205 יוז סטריט אין וויליאמסבורג. כאטש היינטיגע טעג איז שוין נישטא אזא ציבור ווי אמאל, טייל וואס האבן געדארשט פאר מער חסידות זענען אריבער קיין ליובאוויטש, און אנדערע זענען אריין אין די אנדערע קהילות אין וויליאמסבורג, דאך טוען די היינטיגע מלאכים אויך פראווענען די מסורה און מנהגים.

פונקט ווי אין חב"ד, דאוונט מען דארט אין סידורים בנוסח האריז"ל. עס קומען פאר שיעורים אין ספרי אדמו"ר הזקן, ווי אין תניא און ליקוטי תורה/תורה אור. פארשטייט זיך אז אויך פארברענגענס – בעיקר אינעם גרויסן טאג פון י"ט כסלו – ווערן געפראוועט מיט דערהויבנקייט.

אויך אין מאנסי איז היינט פארהאן א חבורה מלאכים בראשות הגה"צ רבי אלימלך פלאהר שליט"א, וועלכער קומט מזמן לזמן צום אלטן מלאכים צענטער אין וויליאמסבורג פארצולערנען חסידות. ■

זיך אין תורת חב"ד, ווערט ער צוביסלעך געטוישט, און ער זעט עס איין מער און מער. ווי דער אויסדרוק, אז עס ווערט "אפגעלייגט" א פעסטע מסקנה אין דער איינציגקייט פונעם אויבערשטן.

א סיפור וואס ברענגט גוט ארויס אט די נקודה, האט זיך אפגעשפילט אין ליובאוויטש: איינער וואס האט אנגעהויבן לערנען ספרי חב"ד איז געקומען פרעגן דעם רבי'ן, "וויאזוי קען חסידות לערנען דעם מענטש אז בעצם איז נישטא קיין וועלט (אלעס איז בלויז מציאות השם), ווען מ'גייט ארויס אויף דער גאס זעט מען דאך באלד אז באמת איז יא דא א וועלט?" האט דער רבי אים געזאגט, "ווארט דא צו א מינוט".

דאן איז אריינגעקומען צום רבי'ן א צווייטער חסיד, א געהויבענער עובד. ער האט אויך געהאט א שווערע שאלה צו פרעגן: "ווי קען זיין אז ס'זעט אויס ווי עס איז פארהאנען א גאנצע וועלט, ווען אין חסידות לערנט מען דאך אזוי קלאר אז דער אמת איז אז עס עקזיסטירט בכלל נישט קיין וועלט?"...

הרב קליין טוט אונז קלארשטעלן: דער ענין פון אחדות השם איז עפעס וואס איז א לעבנסלענגליכע עבודה עס צו קענען ריכטיג פארשטיין. ס'גייט טיפער און טיפער בלי סוף, עס איז נישט מעגליך ארויסצוהאבן על רגל אחת. חב"ד חסידים הארעווען אין דעם כל ימי חייהם. אויב האט איר סיי וועלכע קשיא און שאלה דערויף, דעם נעקסטן חב"ד'סקער חסיד וואס איר טרעפט אן, בעט אים ער זאל אייך עס מער געבן צו פארשטיין...

ווי שוין דערמאנט, איז דער ענין פון אחדות השם בכלליות דער חידוש פון בעל שם הק' – תורת החסידות. על פי רוב ווען חב"ד חסידים רעדן פון "חסידות", מיינען זיי דערמיט אחדות השם. דאס הייסט, ווען זיי רעדן פון "לערנען חסידות", מיינען זיי לערנען ספרי חב"ד וואס זענען עוסק אין מבאר זיין ענינים אין אחדות השם. אויך ווען מ'רעדט איבער "טראכטן חסידות", מיינט עס דעם מהלך פון התבוננות אין דער איינציגקייט פון מציאות השם.

די דריי שטאפלען פונעם מענטשליכן שכל, זענען ווי געזאגט חכמה בינה און דעת. דער שטאפל פון חכמה, איז ווען דער שכל בליצט אויף און קומט אויף מיט א קלוגשאפט, אוןווארפט ארויס א פונקט, א נקודה.

בינה מיינט, אז דער שכל טוט אצינד פארשטיין. אין דעם שטאפל טוט דער שכל זיך פארטיפן און צענעמען די בליציגע

נקודה פון דער חכמה, און דורכטון אלע צדדים דערפון.

דעת נעמט די צדדים פון בינה, און יעצט מאכט דער שכל אפ וואס גייט זיין די מסקנה. דעת מאכט אז ס'זאל זיין נישט נאר פארשטענדיג, נאר אז דאס איז טאקע מיין דעה, וממילא שיקט ער עס אויסצופירן למעשה.

דורשי רשימות זענען אין דעם מרמז די שאפונג פון תורת חב"ד. חכמה – דער בליץ און אויפקום, דאס גייט ארויף אויפן בעל שם טוב הק'. בינה – דאס האט דער מגיד געטון, גענומען די נקודה פון חסידות און דורכגעטון. דעת – דאס גייט ארויף אויפן בעל התניא וואס האט עס פאקטיש אראפגעברענגט למעשה פאר יעדן איד.

צוליב דעם וואס אין חב"ד נוצט מען דעם קאפ צו "פארשטיין" חסידות, זענען דא וואס מיינען אז חב"ד איז עוסק אין חקירה אין מציאות השם, ווען דער אמת איז אז ס'איז אינגאנצן דאס פארקערטע. אין חב"ד איז חס ושלום זיך אריינצוטון און ספק'ענען אפילו פאר א סעקונדע איבער דעם עצם מציאות אין אחדות השם.

ס'איז נישטא קיין איין הוכחה און ראיה אין חסידות חב"ד איבער מציאות הבורא. מ'קווענקלט נישט קיין רגע און מ'פרעגט נישט קיין שאלות, מ'גלייבט אין אויבערשטן פשוט ווייל יעדער איד גלייבט דורך זיין נשמה און חלק אלוק ממעל ממש וואס געפינט זיך אין אים, ווי ס'איז מורא'דיג קלאר מבואר אין ספר התניא. נאר וואס דען מיינט דאס טראכטן און התבוננות אין אחדות השם? אין וואס געניי טראכט מען?

דער תירוץ איז, אז מ'זוכט דא א שידוך! מ'וויל נעמען דאס פינטעלע אמונה פונעם איד, וואס יעדער האט שוין סייווי סיי במסורה נאטירליך איינגעקריצט טיף אין זיך, און מען זוכט עס ארויפצוברענגען צום אויבערפלאך.

געווענליך שפירט זיך נישט ממש אין א מענטשליכן בשר ודם די אמונה און אחדות השם, א מענטש איז דאך פונקט אזוי תחתונים ווי א דבר גשמי. מ'זוכט א שדכן, א בריק, וואס זאל נעמען דעם חלק אלוק ממעל ממש פון די טיפענישן פון א איד'ס נשמה, און ברענגען אז דאס הארץ און שכל זאל זיין פארנומען דערמיט, אז זיי זאלן מסכים זיין אין דער ווארהייט פון אחדות השם.

מ'נעמט די אמונה וואס מ'האט שוין אין זיך, און מען ברענגט עס ארויס צום אויבערפלאך צו טראכטן דערפון, שפירן דעם אויבערשטן אין די מענטשליכע געפילן, און לעבן דערמיט. עס זאל זיין הפצת המעיינות און א דירה בתחתונים אין דעם פנימיות פון זיך אליין.

דער פארדינסט וואס א איד האט אין זיין פריוואטע לעבן ווען ער איז עוסק אין התבוננות באחדות הבורא איז געוואלדיג גרויס. לעבן מיט אט דער "אפגעלייגטקייט" און זיכערקייט פון אין עוד מלבדו, נעמט אוועק סיי וואספארא הוא אמינא אז עפעס איז שייך חוץ אויבערשטער. עס העלפט דעם מענטש זיך מורא'דיג לייכט קענען מתגבר זיין אויף סיי וועלכע נסיונות אויף דער וועלט, ווייל ווען א איד נעמט אן די עבודה וואס שיטת חב"ד לערנט אים, טוט זיין גאנצער הלך ילך באקומען א צווייטע משמעות. דער אופן פון התגברות הנסיונות און עבודת המידות טוישט זיך אינגאנצן.

טאקע כדי ס'זאל זיין א בחירה, איז דא דער יצר הרע וואס מאכט אן אויג פארבלענדעניש כאילו ס'איז שייך צו טון עפעס קעגן דעם אויבערשטנ'ס ווילן, אבער ווען א מענטש פארשטייט און חזר'ט ביי זיך אז אליבא דאמת איז "אין עוד מלבדו", איז נישטא קיין מקום פאר עבירות און מידות רעות. ווי איז שייך זיך צו כעס'ן אויף א צווייטן אויב דאס גאנצע עקזיסטענץ פון מיר און פון יענעם איז דאך נאר מציאות השם?!

עס ברענגט אז דער מענטש זאל האבן א פולע שליטה אויף זיין מחשבה, דיבור און מעשה, אז ס'זאל זיין בלתי לשם שמים. אויטאמאטיש אז מען לעבט מיט אחדות השם, האט מען א פשוטע הנחה און זיכערקייט און אמונה בהשם און אין השגחה פרטית. ווי אויך איז מען קונה א געוואלדיגע אהבת השם, ווייל דאס איז דאך דער גאנצער קיום פון דיר און פון דער וועלט.

אין דער צייט וואס מיר ווייסן אז דער דרך המוסר האט אויף יעדער מדה א באזונדערן שער וויאזוי אויסצוארבעטן אט די מדה בפרטיות, איז אבער דער דרך חב"ד אריינצוברענגען א ליכטיגקייט, ארבעטן אויף אחדות השם/דירה בתחתונים, און פון זיך אליין וועט שוין נישט זיין קיין מקום פאר סיי וועלכע עבירות, גאוה, קנאה, סיי וואס עס איז נגד רצון העליון, ווייל אלעס איז דאך אלוקות. ווי זאגט די וועלט? "מוסר רעדט וועגן זיך, חסידות רעדט וועגן דעם אויבערשטן".

מען ארבעט נישט אויף די אייגענע מידות בפרטיות, מען זוכט נישט אויסצוארבעטן דעם מענטש, ווייל דאס מיינט אז ס'איז


1



2





**1.** ריכטיג צו פארשטיין וואס עס מיינט "אחדות השם" איז א לעבנסלענגליכע עבודה וואס חב"ד חסידים הארעווען אין דעם כל ימי חייהם

**2.** **לעשות לו יתברך דירה בתחתונים.** א בית חב"ד אין איטאליע

דא עפעס אן 'איך' אויסער השי"ת. דער דגוש איז, מ'זאל אראפברענגען און מגלה זיין אחדות השם ביים מענטש, און בדרך ממילא וועט שוין נישט זיין קיין מקום צו טון סיי וועלכע זאך וואס איז נישט קיין נחת רוח פארן אויבערשטן.

דער מאמר חז"ל וואס קאכט זיך אין דער עבודה שפראך אין חב"ד איז ווי דערמאנט: "אני לא נבראתי אלא לשמש את קוני". מען טייטש עס: "אני לא נבראתי" – איך מענטש בין בכלל נישט באשאפן געווארן, איך עקזיסטיר נישט ווייל ס'איז גארנישט דא אויף דער וועלט אויסער דעם מציאות פונעם אויבערשטן! "אלא לשמש את קוני" – דאס גאנצע מציאות פון וואס ס'זעט אויס אז עפעס איז יא דא, איז נאר "לשמש את קוני" צו דינען השי"ת.

עס איז באוואוסט דער אויסדרוק "ביי חסידים רעדט מען נישט פון גיהנום". דער באדייט דערפון איז, אז נישט נאר מען רעדט נישט פון גיהנום, נאר מען רעדט אויך נישט פונעם גן עדן! מען רעדט פון ביידע נישט.

מ'רעדט נאר פונעם אויבערשטן אליין! חסידות וויל דו זאלסט דינען השי"ת נישט צוליב שכר און נישט וועגן עונש, נאר פשוט ווייל דאס איז דאס גאנצע מציאות. ווי דער בעל התניא פלעגט זאגן: "הייליגער באשעפער, איך דארף נישט דיין גן עדן און איך דארף נישט דיין עולם הבא, איך דארף דיר אליין!".

אט דאס מציאות האט זיך ארויסגעוויזן זייער קלאר ווען דאס רוב ציבור אידן וואס זענען בייגעקומען די רדיפות הדת פון דעם קאמוניסטישן רוסלאנד, זענען געווען חסידי חב"ד. זיי האבן זיך מוסר נפש געווען יארן לאנג אונטער דעם אייזערנעם פארהאנג, און אנגעגאנגען מיט אידישקייט און חסידות מיט מסירות נפש עד הסוף.

אונטער שווערע אומשטענדן האבן זיי געבויט ישיבות און חדרים אינעם הונטערגרונד, און זיך צוזאמגענומען אין די הייזער שטילערהייט צו דאווענען און פראווענען חסידישע פארברענגענס מיט א שמחה וצהלה בעת'ן זינגען דעם חב"ד לידל "אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו"...

אז מען פארשטייט די עבודה פון אחדות השם, קען מען גרינג מסביר זיין זייער מסירות נפש. חסידי חב"ד זענען בייגעקומען די אלע יסורים, צרות און נסיונות, און געבליבן גלייבן בהשם ובתורתו מיט א פעסטקייט, ווייל זיי זענען געווען אויסגעהארעוועט אויף אריינברענגען אחדות השם ביי זיך אין הארץ.

ווען די רשעות'דיגע קאמוניסטן האבן זיי געפייניגט, האבן זיי דורכגעזען אז בעצם איז די אלע יסורים א טייל פונעם בלאף פון עולם הזה, נאר פשוט אז איצטער אויפן מאמענט האט זיך דאס אויפגעהויבן דעם קאפ, אבער וויבאלד "אמת השם לעולם", קוקט דער חסיד אויפן שקר פון דער וועלט ווי מיסט, און ווי איז שייך צו פאלן מיט אידישקייט?!

**חשובע ליינער, איידער מען איז ממשיך ווייטער, נעמט אביסעלע לחיים און זאגט א ניגון!**

**דער סדר ביי א פארברענגען גייט צו אזוי: מען פאנגט אן מיט א ניגון, מ'זאגט לחיים, מ'נעמט א שלינג וואדקע – גערופן "משקה" – און מיט דעם "כוס" אין האנט רופט דער משפיע אויס צו די פארזאמלטע "זאגט לחיים!".**

**די אנוועזנדע נעמען א קליינעם זיפ פון דער משקה, און ענטפערן צוריק מיט "לחיים ולברכה". דאן רעדט מען ווייטער ארום אן ענין, ביז ווען דער משפיע שפירט אז מ'דארף מפסיק זיין מיט נאך א ניגון, אז די ווערטער און ענינים וואס מ'האט ביז יעצט ארומגערעדט זאלן זיך זעצן.**

**מען הייבט אן מיט א שכל הסברה לארכה ולרחבה, און הערשט דערנאך, בכדי עס זאל זיך איינזאפן אין הארץ, זינגט מען א ניגון, והקול מעורר את הכוונה. אמאל חזר'ט מען איבער דעם פריערדיגן ניגון, און אמאל זינגט מען א פרישן. דאן נעמט מען זיך אויסשמועסן דעם ענין אויף א שטאפל ארויף, בכדי עס זאל נישט זיין סתם גערעדט, נאר מ'זאל באמת עס אריינברענגען אין פראקטישן לעבן.**

**אזוי גייט עס על הסדר וחוזר חלילה א גאנצע נאכט, עד שהגיע זמן קריאת שמע של שחרית...**

**"נו, זאגט לחיים!"**

**"לחיים ולברכה!"**

# פרק ה'

## שיטת חב"ד פונעם בעל התניא לעומת די אנדערע תלמידי המגיד

באמת איז דא שווער א מורא'דיגע קשיא: אויב סיי חב"ד און סיי אלע

אנדערע הויפן זענען "חסידים", פארוואס איז חב"ד אזוי אנדערש און אייגנארטיג? פארוואס איז חב"ד אזוי פארנומען מיט לערנען, פארשפרייטן און זיך אזוי שטארק ארויסשטעלן אלס דער פאן-טרעגער פון חסידות?

דער הסבר הדברים איז, אז בשרשן איז באמת חב"ד נישט צופיל אנדערש פון אנדערע חסידים. צענדליגער ענינים וואס ווערן געברענגט אין אלע ספרי הבעש"ט ותלמידיו, איז אין ליובאוויטש אויך דא, נאר מיט אן אנדערן אויסדרוק און אסאך מער מבואר מיט אן אריכות.

דער גרויסער צווישנשייד שטעקט אין דעם, וואס חב"ד זאגט ארויס די יסודות פון חסידות הויך און קלאר, בעת וואס ביי אנדערע חסידים זאגט מען עס מער אויפן שטייגער פון שטיל און מרומז.

אנדערע גדולי תלמידי המגיד האבן נישט געהאלטן פון אזוי שטארק מגלה זיין עניני חסידות, ווייל עס איז צו הייליג זאכן אז פשוטי עם זאלן זיך באנעמען דערמיט. זיי האבן געהאלטן אז פארשטיין חסידות איז עפעס וואס באלאנגט פאר צדיקים און רבי'ס, און בעסער זאל מען ארבעטן מיט די הערצער פון אידן, אריינצוברענגען דערינען יראת און אהבת השם. דאקעגן דער דעת פונעם תניא איז געווען, אז יעדער יחיד זאל אלעס פארשטיין.

דער בעל התניא האט גענומען די תורה פון דעם בעל שם און דעם מגיד איבער אחדות השם, און געברענגט אז ס'זאל זיין מער בגלוי און מער בפשטות, אז נישט נאר גרויסע צדיקים זאל זיך פארטיפן אינעם אור החסידות, נאר יעדער יחיד זאל אויפגעראכטן ווערן, און דער אויבערשטער זאל לייכטן ביי אים דאס מערסטע וואס שייך.

נעמט לדוגמא דעם ענין פון אחדות השם וואס איז עפעס וואס מ'טרעפט אויך ביי אלע חסידים. יעדער חסידישער איד איז באהאוונט מיט די ווערטער פון זוהר הקדוש: "מלא כל הארץ כבודו, לית אתר פנוי מיניה". אלע ספרי חסידות זענען דאך פול דערמיט. חב"ד נעמט דאס אבער מיט א שטארקייט און קאנצענטרירט זיך אויף דעם ענין, באהויפטנדיג אז דאס איז די עיקר עבודה פון א איד לויט תורת החסידות.

**הרב קליין געבט דאס צו פארשטיין מיט א פארשטענדליכן צושטעל:**

מען קען מדמה זיין תורת חב"ד און דערקעגן די אנדערע דרכי החסידות, צו דעם חילוק פון משנה און גמרא. גמרא איז מסביר מושגים און הלכות מיט א קלארקייט און אריכות, אזוי ווי תורת חב"ד טוט מסביר זיין חסידות מיט א ברייטקייט און קלארקייט. ווידעראום די אנדערע ספרי חסידות זענען ווי די משנה, וואס שרייבט די זעלבע מושגים און הלכות, נאר אויף אן אופן פון רמז און קיצור הלשון.

אז איינער לערנט ספרי חב"ד און שפעטער עפנט ער אנדערע ספרי חסידות, אנטפלעקט זיך פאר אים דברים פשוטים ונפלאים! פרובירט לערנען מאור עינים נאכן לערנען אביסעלע תניא... עס איז גענוי ווי דאס באקאנטע געפיל וואס יעדער איד האט נאכן לערנען א לענגערע ביאור בדברי הגמרא, ווען דערנאך בליקט מען צוריק אריין אין דער משנה און מען לערנט עס איבער מיט דעם נייעם הסבר וואס די גמרא האט געגעבן. דאן שפרינגט דער לומד אויף און עס כאפט זיך פון אים ארויס, "אה, יעצט פארשטיי איך וואס די משנה מיינט צו זאגן...".

לפי מסורת חב"ד, האט דער בעל התניא גענומען זיין שיטה פון דעם מגיד פון מעזריטש. ווי דערמאנט אויבן, האט דער בארדיטשובער רב האט מעיד געווען אז דער בעל התניא האט גענומען דעם בעסטן חלק פון תורת המגיד.

אזוי איז טאקע מקובל אין חב"ד, אז דער אלטער רבי האט גענומען דעם חלק הפנימיות פון זיין רבינ'ס תורה, וואס דאס איז דער חלק פון אריינברענגען חסידות אין א מענטש דורכן מוח. פון דעם פארשטייט מען ווי פאסיג איז די בקשה וואס דער מעזריטשער מגיד האט געבעטן אין זיין צוואה, אז נאך זיין הסתלקות ביי מאכן די טהרה, זאל מען געבן דעם חלק פון זיין קאפ פאר זיין תלמיד חביב רבי שניאור זלמן מליאדי.

אמאל האט פאסירט אז כתבים מבית מדרשו פונעם מגיד האט מען געטראפן זיך וואלגערן אויף דער ערד, און עס איז געווארן א טומל. ווי קען זיין אזא זאך, אזעלכע הייליגע סודות התורה זאל צוקומען צו אזא בזיונ'דיגער מצב?

איז געקומען הרה"ק רבי פנחס מקאריץ, א תלמיד פונעם בעש"ט, מיט א טענה אויפ'ן מגיד. האט דער מגיד געבעטן זיין באליבטער תלמיד דער בעל התניא ער זאל אים בארואיגן מיט עפעס א הסברה. האט דער בעל התניא דאס געגעבן צו פארשטיין מיט א יסודות'דיגן משל:


1


2

א קעניג'ס איינציג קינד איז אמאל אריינגעפאלן אין א שווערער מסוכנ'דיגער קראנקהייט. ער האט זיך געראנגלט מיטן לעבן און עס האט אויסגעזען ווי נישט לאנג וועט נעמען ביז עס וועט קומען זיין סוף. דער טאטע דער גרויסער קעניג האט געלאזט אראפרופן די גרעסטע דאקטוירים, און געווארט צו הערן אויב איז נאך דא עפעס א מעגליכקייט אפצוראטעווען זיין איינציג קינד.

די גרויסע דאקטוירים האבן באלד געלאזט וויסן פארן קעניג אז ס'איז דא עפעס א שווערע אפציע פון אויסהיילן די זעלטענע קרענק, אבער עס קומט מיט גוטע נייעס און שלעכטע נייעס. די גוטע נייעס איז אז עס איז דא עפעס א קליין שטיינדל וואס אויב מען האט איינס דערפון קען מען עס צעמאלן און אריינגיסן אינעם מויל פון קינד, און ס'איז מסוגל צו ברענגען א פולקאמע היילונג. די שלעכטע נייעס דערפון איז, אז ס'איז ממש נישט בנמצא אזעלכע שטיינער, דער איינציגסטער אזא שטיין פון וואס מען ווייסט יעצט אויפן מאמענט, איז נישט קיין צווייטער ווי דער סאמע שפיץ שטיין וואס ליגט אין צענטער פונעם קעניג'ס פרעכטיגן קרוין...

דער קעניג טראכט נישט קיין צוויי, און באין ברירה לאזט ער באלד וויסן אז ער איז גרייט! ער איז מסכים צו נעמען זיין שפיץ שטיין און עס אוועקגעבן צו ראטעווען זיין איינציג קינד'ס לעבן!

די דאקטוירים זענען אבער נאכאלץ נישט צופרידן. זיי זאגן פארן קעניג, אז אמת ווען דער שטיין ווערט צעמאלן און אריינגעגאסן אין מויל פונעם קינד ברענגט עס א רפואה, אבער ס'איז דא א פראבלעם דערמיט, אז דאס מויל פון קינד איז דורך דער מחלה געווארן זייער פארקלעבט, קוים קוים עפעס א שטיקל עפענונג איז דא, און עס מיינט אז ביים אריינגיסן דעם טייערן שטיין וועט אוועקרינען א גרויס טייל דערפון, בעת וואס נאר א קליין ביסל וועט אנקומען אינעם קינד'ס מויל, און באמת איז אפילו דאס מוטל בספק.

דער קעניג ענטפערט באלד, "וואס פארשטייט איר נישט? איר מיינט אז איך קען ווייטער גיין מיט דעם שטיין אויפן קרוין בעת מיין בן יחיד גייט אויס, און פון מיין גאנצע מלוכה בלייבט נישט איבער קיין זכר? אפילו ס'איז נאר א ספק אויב א קליין ביסל וועט אנקומען און מויל פון מיין באליבטן קינד, און די איבריגע וועט זיך זיכער אויסגיסן ארום און ארום, בין איך נאכאלץ מסכים. וואס האב איך פון א מלוכה אן קיין יורש?"

פירט אויס דער בעל התניא: אמת טאקע אז תורת החסידות ענטהאלט דער שפיץ הייליגסטער פארבארגענסטער "אבן שבכתר המלך" פונעם מלך מלכי המלכים הקב"ה. נאכאלץ וויל אבער השי"ת טאקע אט דער איינציגסטער רפואה מיטל צו ראטעווען כלל ישראל אין דער פינסטערער עקבתא דמשיחא, ווייל נשמות ישראל זענען זיין מלוכה אליין.

דער אויבערשטער כביכול וויל און איז מסכים מ'זאל נעמען זיינע הייליגע סודות, זיינע הייליגע שטיינער, און מ'זאל עס אריינגיסן אין דעם הארץ און נשמה פון יעדן איד, טראץ וואס בלויז טייל דערפון וועט אנקומען אינעווייניג, נאך וואס זייערע מיילער און הערצער זענען ליידער פארקלעבט און פארשטאפט. דאך זאגט השי"ת, קען איך זיך נישט צוריקהאלטן וועגן דאס רוב וואס וועט זיך גיסן ארום און ארום, ווייל דאס איז מיין איינציגסטער וועג אז מיין מלוכה זאל האבן א המשכה, אז מיין כלל ישראל זאל קענען דורכגיין דעם שווערן גלות.

מיט אט דעם געדאנק האט דער אלטער רבי בארואיגט רבי פנחס קאריצער ווען מ'האט געטראפן כתבים פון חסידות זיך וואלגערן אויף דער ערד בבזיון. אז כביכול השי"ת גייט איין דערויף אז טייל פון זיינע טייערע שטיינער קומט אן צו דעם ארום בבזיון, ווייל צוליב וואס מען וויל אז א חלק זאל אנקומען אינעווייניג, מוז מען איינגיין דערויף.

פון דעם פארשטייען מיר אויך וואס דער בליק און ענטפער פונעם הייליגן תניא איז געווען, צו די וואס זענען נישט געווען איינשטימיג מיט זיין דרך חב"ד פון לערנען טיפקייטן אין אחדות השם פאר פשוטע מענטשן. דער בעל התניא האט געהאלטן, אז אין אט די חשכות'דיגע גלות טעג איז דאס די איינציגסטע ברירה, צו לערנען אפילו מיט יחידים די סודות נפלאים, די טייערע שטיינער שבכתר המלכות – ענייני חסידות. ווייל אפילו טאמער נאר אביסל אלוקות וועט סוף כל סוף דערגרייכן זייער נפש, וועט מלכות שמים האבן א קיום.

דער אלטער רבי'ס מהלך אין עבודת החסידות איז געווען מיט א הדגשה אויף אייגענע ארבעט, נישט אזויפיל זיך פארלאזן אויפן צדיק, און מיט דעם האט ער זיך געשיידט פון אנדערע צדיקי החסידות. דאס קומט אין צוזאמענהאנג מיט דער כלליות'דיגער שיטה פון דירה בתחתונים: וואס מער עס איז געמאכט מצד התחתון, בכח עצמו פון דעם מענטש, איז עס מער גרינטליך דורכגענומען.






1. ווען דער שכל און הרגש איז אנגעפולט מיט אלקות, איז עס א ריכטיגע 'דירה בתחתונים' און דערגרייכונג אין 'מעינותיך חוצה'

2. "לכתחילה אריבער" איז א הדרכה אין לעבן וואס שפילט זיך שטענדיג אפ ביי חסידי חב"ד אין מוח...

נוסח חב"ד

אזוי אויך איז דער יחס צו מתנגדים געווען אנדערש אין חב"ד, אז מ'זאל זיך נישט קריגן מיט זיי, און נישט מזלזל זיין אין זייערע גדולים. דער אלטער רבי האט אפגעשטעלט זיינע חברים, תלמידי המגיד, פון מאכן א חרם אויף די מתנג'דישע מנהיגים, טראץ זייער מלחמה אין חסידות. זיין שיטה איז געווען אז חסידות פירט נישט קיין מלחמה מיט דער וועלט, נאר אדרבה, אלע שיכטן און קרייזן, די לומדים אויך, מוז מען דורכנעמען מיט אור החסידות.

הרב קליין מאכט אונז א קורצער סך הכל: חסידות חב"ד איז דא צו ברענגען אז דאס מציאות פון דער וועלט זאל מסכים זיין צו גילוי אחדות השם. מען נעמט די אמונה אז אלעס איז אלוקות, מען איז דאס מסביר מיט פארשטענדליכע ערקלערונגען, ביז צוביסלעך ווערט אפגעלייגט ביים מענטש א זיכערקייט אז "אין עוד מלבדו".

דער בעש"ט האט עס מגלה געווען, דער מגיד האט עס מבאר געווען, און דער אלטער רבי האט עס אריינגעברענגט אין דער מעגליכקייט פון יעדן איד. אז מ'לייגט עס אריין אין די מענטשליכע דעות, ווערט נתהפך זיין מהות. אז דער שכל און הרגש איז אנגעפולט מיט אלוקות, איז עס א ריכטיגע דירה בתחתונים און א דערגרייכונג אין מעיינותיך חוצה!

# פרק ו'

## די ווייטערדיגע אנטוויקלונגען אין דרך חסידות חב"ד — דער מיטעלער רבי, דער צמח צדק און דער מהר"ש

דער דערמאנטער יסוד פון חסידות צו ארבעטן אויף אחדות השם – דורך דער שיטה און דרך עבודה וואס דער אלטער רבי האט אנגעוויזן אריינצוברענגען אין מענטש מיט התעמקות און התבוננות – אויף דעם ארויף האבן די ווייטערדיגע אדמו"רים אין חב"ד ממשיך געווען און פארברייטערט צו נאך ווייטערדיגע שטאפלען.

יעדער אדמו"ר האט זיך באשעפטיגט מער און מער מבאר צו זיין די עבודה פון אחדות השם, מיטן אויסשמועסן און מרמז זיין אין קבלה, ווי אויך אין מאמרי חז"ל און מדרשים.

אין אלע ספרי חב"ד ווערט מער און מער ערקלערט אזעלכע ענינים ווי די טייערקייט פון אראפקומען בתחתונים אין א נידריגן גוף דוקא, צו מאכן א "ירידה לצורך עליה"; ביאורים אין דעם חשיבות פון נשמות ישראל; פארשטיין געבן דעם מהות פון דער תורה הקדושה; די עומק הדברים פון טון מצוות; מסביר זיין פארוואס עס איז וויכטיג פאר השי"ת אונזער וועלט – אלעס ארום די שפיץ נקודה איבער דעם תכלית פון א איד צו מאכן א דירה בתחתונים.

דער בעל התניא'ס זון, דער מיטעלער רבי, האט פארברייטערט דאס לערנען חסידות צו א שטאפל אז אלעס זאל זיין אסאך גרינגער צו פארשטיין. ער האט מסביר געווען זאכן מיט ממש שכל'דיגע הסברים, משלים און דוגמאות. ער האט אמאל אויסגעדרוקט זיין רצון: "איך וויל אז יונגעלייט זאלן קענען 'עתיק' און 'אריך' (דקות'דיגע חסידות מושגים) ווי די פינף פינגער!".

דער צמח צדק איז געקומען נאך אים, און ער אנגעהויבן מסדר זיין עניני חסידות, אויסשטעלן און פארגלייכן איין שטיקל מיט דעם אנדערן. ער האט עס געטון ווי כאילו מ'שטעלט צו צוויי תוספות אז ס'זאל נישט שווער זיין, נאר עס זאל שטימען איין יסוד מיט דעם אנדערן. אויך האט ער געמאכט אז חסידות זאל שטימען מיט גמרות, מיט קבלה, און מיט די ווערטער פון גדולי הפוסקים.

דער רבי מהר"ש איז געקומען נאכן טאטן דער צמח צדק, און מיט זיין שארפער צוגאנג האט ער אויפגעבויט און אויסגעשארפט געוויסע יסודות אין חסידות. זיין השקפה איז געווען אז מ'טאר פון גארנישט נתפעל ווערן, מ'דארף אלץ גיין ביזן סוף, און אויסטרעפן טיף אין זיך פארשטעקטע כוחות וויאזוי מ'קען בייקומען אלע שטערונגען אין וועג. פון אים איז באקאנט דער באוואוסטער חב"ד'סקער סלאגאן וואס איז היינט א יסוד גדול און קומט אלעמאל אריין אין א שמועס צווישן חב"ד'סקער חסידים: "לכתחילה אריבער".

וואס מיינט דאס? דער רבי מהר"ש האט געהאלטן אז דער "לכתחילה'דיגער" וועג וויאזוי זיך אומצוגיין מיט א פראבלעם, איז עס איבערצוהיפן. דאס הייסט, ניטאמאל זיך קימערן מיט דעם גאנצן ענין. זיך נישט פארמעסטן, נישט פאקוסירן בייצוקומען נסיונות, נאר פשוט איגנארירן און אוועקגיין דערפון. ער האט געזאגט בזה הלשון: "די וועלט זאגט אז מ'קען נישט אונטערגיין – גייט מען אריבער. איך זאג אבער, לכתחילה אריבער...".





# נוסח חב"ד



**1.** אנדערש ווי די וועלט מיינט: רוב טאג אין ישיבת חב"ד לערנט מען גמרא און הלכה בעיון. בלויז איין דריטל פונעם טאג מאכט מען פונקט אזוי סדרים אין חסידות, מיט שיעורים און עיונים, חזרות און חברותות.

**2.** דער רש"ב האט געעפנט די ערשטע חסידישע ישיבה אין היסטאריע, א ישיבה וואו אויסער לערנען תורה זאל מען אויך מדגיש זיין יראת שמים. **די געביידע פון 'ישיבת תומכי תמימים' אין דער שטאט ליובאוויטש אין רוסלאנד**



ווען עס קומט צו הפצת המעיינות אדער קירוב היהדות, נעמט מען שטארק אן דאס ווארט און מהלך. מ'טראכט נישט פון די חובות, מ'טראכט נישט פון די חוזק און לאכערייען פון די וואס פארשטייען נישט און מאכן ליצנות. מען געדענקט און מען חזר'ט ביי זיך די ווערטער פונעם רבין מהר"ש: "לכתחילה אריבער" – שפרינג אריין!

אויך האט דער רבי מהר"ש מחדש געווען א נייער צוגאנג אין זאגן מאמרים. ער האט אנגעהויבן א מושג וואס רופט זיך א "המשך". דהיינו, יעדע וואך רעדט מען ווייטער פון דעם ענין וואס מען האט פארגאנגענע וואך גערעדט. עס קען אריבערגיין חדשים לאנג און אפילו יארן וואס מען זאל רעדן פון בלויז איין ענין אין חסידות, יעדע וואך מיט מער הסברה און מיט נייערע טיפקייטן.

דער געדאנק דערפון איז, אז חסידות זאל ממש דורכנעמען דעם מענטש. נישט אז מ'זאל דעם ענין אפלערנען און גיין ווייטער, נאר מ'זאל עס חזר'ן און הארעווען, און גוט גוט אריינעמען אין זיך וואך נאך וואך.

א מאמר וואס איז א "המשך", הייבט זיך קודם אן מיט א פסוק פון דער וואכנדיגער סדרה, מ'פרעגט קשיות דערויף, דאן זאגט מען: "כדי דאס צו פארשטיין, דארף מען ארומרעדן דאס וואס מ'האט אנגעהויבן פריערדיגע וואך אין דעם ענין פון...", אזוי קען אויסקומען אז דער ענין פון דער לעצטער אדער די פארגאנגענע פאר וואכן ווערט היינט מער מסודר און מער מתורץ. אלע דיוקים און שאלות ווערן אצינד קלאר פארענטפערט, אז דער וואס לערנט דעם מאמר קריגט דערפון נאכמער קלארקייט אין עבודת השם, צו וויסן מער וויאזוי א איד דארף צו לעבן מיט חסידות.

מען דערציילט אויף א חב"ד חסיד וואס האט אזויפיל געהארעוועט אין מאמרי חסידות, אז ער האט עס גענומען אויף למעשה צו דער עבודה פון "אתכפיה" – וואס מיינט מגביל זיין די נפש הבהמית ביים עסן און אנדערע צרכי הגוף – זיך צו ברעכן פאר'ן אויבערשטן. ער האט איינגאנצן אויסגעפירט דאס וואס חסידות האט אים געלערנט...

זייענדיג שוין אויף די עלטערע יארן, ווען ער איז געלעגן קראנק און שוואך, האט זיך פון אים ארויסגעכאפט א קרעכץ, ווען מיט ווייטאג האט ער געזאגט: "עס איז א שאד די גאנצע זעכציג יאר פון זיך ברעכן. אויב וואלט איך מער געהיטן אויף מיין געזונט וואלט איך אפשר געלעבט א טאג לענגער, און איך וואלט געקענט מקיים זיין נאכאמאל די מצוה פון לייגן תפילין, וואס איז ווערד די אלע גילויים פון עבודת השם וואס איך האב קונה געווען מיט צעברעכן דעם גוף מיינער. וואס האב איך דערפון אויב ס'איז דא איין מצוה ווייניגער?"...

האט א צווייטער חסיד אים געענטפערט, "טאקע גערעכט! אבער צו קענען טאקע אט דאס דערהערן, מוז מען האבן זעכציג יאר עבודה"...

## פרק ז'

## התייסדות פון דער ערשטער חסידישער ישיבה דורכן רבין רש"ב – ישיבת חב"ד "תומכי תמימים"

דאן איז געקומען דער רבי רש"ב, און דראסטיש אויפגעהויבן דעם גאנצן ענין פון לערנען חסידות מיט נאך א שטאפל. דער רש"ב האט גע'טענה'ט אז די גאנצע כוונה פון חסידות איז, אז עס זאל אריינקומען אין לעבן און ווערן א געהעריגע זאך. עס זאל נישט זיין אפגעזונדערט אלס עפעס זייער הייליג און ווייט, נאר מ'דארף עס איינפעדעמען אינעם טאג טעגליכן לעבן, פאקטיש זיך אויפצופירן מיט די מושגים און געדאנקען פון חסידות.

ער האט ערקלערט אז מען דארף עס לערנען אויף א וועג מען זאל עס באמת פארשטיין, פונקט ווי מען פארשטייט נגלות התורה. חסידות זאל זיין קלאר פאר די לומדים גענוי ווי א שטיקל גמרא תוספות. ער האט דעמאלט געשריבן דעם "קונטרס ומעין" פאר בעלי בתים, מיט א פשטות'דיגער געשמאקער שפראך, צו ערקלערן זיין השקפה אז נישט נאר זאל מען גלייבן חסידות, נאר מען זאל לעבן חסידות. צוליב זיין הדרכות און קלארקייט אין לימוד החסידות, טוט מען אין ליובאוויטש באטיטלען דעם רבי'ן רש"ב "דער רמב"ם פון תורת החסידות".

אפילו בין כותלי חב"ד איז ביז דעמאלט נישט געווען איינגעפירט מיט א פעסטקייט דאס לערנען ספרי חב"ד. יעדער האט שטענדיג געלערנט ש"ס ופוסקים, און הערשט ווען מ'האט געשפירט ביי זיך אז מ'איז גרייט דערפאר, האט מען געלערנט פון חסידות מה שלבו חפץ און ווען לבו חפץ.







איז דער רש"ב געקומען און מחדש געווען אז מהיום והלאה וועט חסידות ווערן א קביעות'דיגער לימוד, אבער וויאזוי? דורך אנהייבן אין די יונגע יארן. מ'גייט מייסד זיין א ישיבה וואו מ'וועט ווידמען גאנצע סדרים אויף לימודים אין חסידות.

אין יענער תקופה איז כלל ישראל געווארן צעריסן און צעפליקט פון די פרייע ווינטן דורך די ציונים און משכילים. דער רבי רש"ב האט ווי באוואוסט שטארק לוחם געווען מיט זיי, ער האט געשריבן א שארפן בריוו איבער דעם חומר הענין פון נישט רעדן קיין עברית, און ער האט זיך געשלאגן מיט דער השכלה אויף אלע פראנטן. די בעסטע עצה פאר די אלע פראבלעמען האט דער רש"ב גע'טענה'ט, איז א לעבן מיט חסידות. דאס איז די רפואה פאר דער מכה.

איידער'ן עפענען די ישיבה, האט ער פאראַרבעט אסאך הימלישע כוחות. ער איז ארויס אויף די ציונים הקדושים פון די פריערדיגע רביים אין חב"ד, און מתפלל געווען אז זיין הייליגע מיסיע זאל זיין ערפאלגרייך.

אין יענע טעג זענען שוין געווען אנדערע ישיבות וואו מ'האט זיך קאנצענטרירט צו לערנען תורה יומם ולילה, אין די שטעט במדינת ליטא. דער רש"ב האט אבער געעפנט די ערשטע חסידישע ישיבה אין היסטאריע, א ישיבה וואו אויסער לערנען תורה זאל מען אויך מדגיש זיין יראת שמים.

ער האט דעמאלט געשריבן דעם "קונטרס עץ חיים", וואו ער געבט צו פארשטיין זיין פלאן און וויאזוי די חסידישע ישיבה וועט צוגיין: מ'וועט צעטיילן די צייט פונעם טאג אין דריי. צוויי דריטלעך וועט מען לערנען גמרא און הלכה – דאס הייסט אז דאס רוב טאג וועט גיין פאר נגלות התורה, און בלויז איין דריטל פון דער צייט וועט מען מאכן סדרים אין חסידות, א געהעריגער לימוד אין א סדר מסודר מיט שיעורים און עיונים, חזרות און חברותות.

עס זענען דא וואס מיינען אז אין חב"ד לערנט מען אלעמאל נאר ספרי חסידות, אבער עס איז א גרויסער טעות. זייט דער הקמת הישיבה ביזן היינטיגן טאג גייען אלע ישיבות צו אויף דעם זעלבן סדר און אויסשטעל, לויט ווי דער רבי רש"ב האט עס מייסד געווען. במשך די שעות פון טאג זענען דא אין די ישיבות געהעריגע סדרים אין גמרא און מפרשים.

די פאסיגע צייט צו לערנען חסידות, האט דער רש"ב אנגעוויזן, איז צופרי און ביינאכט. ער דרוקט זיך אויס מיט דעם לשון: "הצפרא מסוגל לזה והלילה צריך לזה". דאס מיינט אז כדי מ'זאל קענען דאווענען מיט די ריכטיגע כוונות, איז וויכטיג אז מ'זאל לערנען אפאר שעה חסידות פארן זיך שטעלן דאווענען, און על פי קבלה איז צופרי דער מסוגל'דיגסטער זמן אויף צו דערהערן א ווארט חסידות. אויך ביינאכט ווען ס'איז פינסטער, ווען די נסיונות מערן זיך איידער מ'גייט שלאפן, דארף מען עס באלייכטן מיטן לימוד החסידות.

אין יענע יארן איז ארויסגעקומען א גזירה אז אלע קינדער מוזן לערנען לימודי חול. דער רש"ב האט זיך אבער פון גארנישט דערשראקן, אין חב"ד האט מען שוין לאנג געוואוסט אז עס קומט נישט אין באטראכט. שוין אין דער "תורה שבכתב" פון חסידות – אין תניא קדישא פרק ח', איז מבואר די הארבקייט אז חכמה חיצוניות פארשטאפט דאס הארץ פון צו שפירן יראת ואהבת השם. עד היום איז נישטא אזא מושג אין קיין שום ליובאוויטשער ישיבה פון עוסק זיין א משהו אין לימודי חול. עס עקזיסטירט ניטאמאל קיין שום גזירות אין חינוך, לכתחילה אריבער...

צוויי יאר נאכן עפענען די ערשטע חסידישע ישיבה, ביי די הקפות שמחת תורה תרנ"ט, האלטנדיג ביי די ווערטער "תומכי תמימים הושיעה נא", האט דער רבי רש"ב פארקאכטערהייט אויסגערופן אז פון היינט און ווייטער וועט מען רופן די ישיבה "תומכי תמימים", ווייל די ישיבה איז א פלאץ וואו מ'דארף ארויסגעבן גאנצע בחורים – "תמימים", גאנץ בנגלה און גאנץ בחסידות.

פון דעמאלט אן ביז ימינו אלה איז "תמימים" דער שענערער טיטל פאר בחורים אין ליובאוויטש. דער באדייט דערפון איז, אז מ'האפט אז דורכאויס די יארן אין ישיבה וועט דער בחור זיך אויסארבעטן און אנקומען צו דער מדריגה אז אלס יונגערמאן וועט ער שוין זיין אויסגעוואקסן – א "תמים".

דער רבי רש"ב האט נאכמער ארויסגעברענגט די מטרה פון דער חסידישער ישיבה תומכי תמימים, אין א שיחה ביי א באוואוסטער פארברענגען שמחת תורה תרס"א. ער האט געזאגט דעם חז"ל "כל היוצא במלחמת בית דוד כותב גט כריתות לאשתו" – א ישיבה בחור איז איינער וואס גייט ארויס אין מלחמת בית דוד, ער איז איינער וואס איז לוחם פארן אויבערשטן, אזא איינער מוז שרייבן א "גט כריתות לאשתו", אשתו מיינט מען די גשמיות'דיגע וועלט. אז מ'גייט אין מלחמה פארן אויבערשטן, מוז מען זיך אפהאקן פון וועלטישקייט.

ער האט ארומגערעדט אז תמימים גייען





1. חב"ד-ליובאוויטש הויפטקוואַרטירן. דער וועלט באַקאַנטער אדרעס אויף 770 איסטערן פאַרקוועי אין קראונהייטס

2. "אמעריקע איז נישט אנדערש". דער רבי ריי"צ ביים שטעלן די ערשטע טריט על אדמת אמעריקע



ארויס אין מלחמה קעגן השכלה, קעגן ציוניזם, קעגן דער שוואכער גאס. מ'דארף זיין א פעסטער סאלדאט, בחורים זענען "חיילי בית דוד" (גראדע ראשי תיבות חב"ד) וואס קעמפן פארן אויבערשטן. מ'דארף זיך דערהייבן "העכער וועלט".

טאקע שפעטער אין די שווערע טעג, ווען אין יענע מדינות זענען די אידן געפאלן אונטער די גזירות הקאמוניזם, זענען די "תמימים" פון חב"ד געווען די וואס האבן מלחמה געהאלטן און זיך פעסט געהאלטן ביי אידישקייט מיט א מסירות נפש, טראץ די שווערע יסורים. זיי האבן זיך זעלבסט אנגעקוקט ווי א סאלדאט פארן אויבערשטן, וואס טוט בייקומען די מלכות הרשעה.

די אלע זענען געווען אזעלכע תמימים וואס האבן געהארעוועט חסידות ביים רבי'ן רש"ב, ביז עס איז געווארן א חלק פון זייער מהות. זיי זענען געווען די באוואוסטע מסירות נפש אידן וואס זענען פון גארנישט אפגעשוואכט געווארן. אפילו נאך וואס די ליובאוויטשער רבי'ס זענען שוין לאנג נישט געווען אין רוסלאנד, האבן זיי מיט זייערע דורות זיך ווייטער געהאלטן צו תורה וחסידות.

צווישן די צענדליגער ספרים פונעם רבי'ן רש"ב, איז דא דער ספר הידוע "המשך תרס"ו", וואס דאס איז א המשך פון מאמרים וואס האבן אנגעהאלטן ארום דריי יאר. דער הויפט ענין דערפון איז אוודאי מבאר צו זיין דירה בתחתונים, אבער עס נעמט אריין נאך פיל אנדערע ענינים אין אחדות השם, ענינים פון דער נפש אלוקית און נפש הבהמית, און נאך. אנגעהויבן האט זיך עס בשנת תרס"ו, און זיך פארענדיגט אין תרס"ח. עס איז א קייט פון זעכציג מאמרים טיפער און טיפער. פון די עיקר לימודים אין חסידות חב"ד נאכן ספר התניא, איז דורכצוהארעווען "סמ"ך ווא"ו".

# פרק ח'

## די איבערפלאנצונג פון ליובאוויטש אין אמעריקע דורכן פריערדיגן רבי'ן דער ריי"צ

פונקט ווי אלע פריערדיגע רביים, האט אויך דער קומענדיגער רבי, דער ריי"צ פון ליובאוויטש, ווייטער געזוכט מער אריינצוברענגען דעם אור החסידות אין דער וועלט. ער האט עוסק געווען מיט איבערטייטשן ספרי חסידות אויף אנדערע שפראכן, ווי אויף דייטש, אידיש און ענגליש. ער האט אויסגעדרוקט זיין רצון אז סיי נשים און אפילו פרייע אידן זאלן עס קענען פארשטיין, אז די מעיינות החסידות פונעם בעל שם זאלן אנקומען צו אלע חוצות, עס זאל דערגרייכן ביז דעם אנדערן עק וועלט.

אויך האט דער ריי"צ נאך אין דעם קאלטן רוסלאנד שטארק עוסק געווען צו פירן די חיילי בית דוד, דאס מיליטער פארן אויבערשטן. ער האט ארומגעשיקט די תמימים צו פארשידענע מקומות אויפצובויען אידישקייט, מקוואות און חדרים, און מחזק זיין אידן לתורה ומצוות. עס איז דאך דברים ידועים ומפורסמים ווי די חסידי חב"ד האבן זיך מפקיר געווען פאר אידישקייט ביז דרייסטע מסירת נפש, און מיר וועלן זיך אצינד נישט אריינלאזן אין אזעלכע ימים שאין להם סוף.

שפעטער ווען דער ריי"צ איז אנגעקומען קיין אמעריקע, האט ער נישט אויפגעהערט מיט זיינע פעולות לקרב הלבבות לאבינו שבשמים. אין יענע פריע ת"ש יארן, האט די אמעריקאנער גאס געשריגן מאדערנקייט און פריקת עול. קיינער האט נישט געזען וויאזוי עס איז מעגליך אריינצוברענגען חסידות אין דעם ניו יארקער גשם, מען האט געטראכט דעמאלט אז חסידות איז גוט געווען פאר די רוסישע פאנאטישע, אבער דער הייליגער ריי"צ האט זיך נישט אפגעשטעלט. ער האט געארבעט אז אפילו אין דער היינטיגער אמעריקע זאל דער אור הבעל שם טוב שיינען און לייכטן. ער האט זיך אויסגעדרוקט מיט א פעסטקייט "אמעריקע איז ניט אנדערש".

עס איז דא א מורא'דיגער כתב וואס דער ריי"צ האט פאר זיך אליין פארשריבן, די זכרונות פון זיין ערשטע תפילת מעריב עלי אדמת אמעריקע. ער דערציילט דארט ווי גוטע ידידים זענען צו אים געקומען און געוואלט עצה'נען אז אין אמעריקע איז נישטא קיין סאך וואס צו טון, עס איז כדאי זיך צו ציען צו עפעס א קלענערע אמעריקאנער שטעטל, אזויווי ליובאוויטש אין רוסלאנד, און דארט ממשיך זיין דעם אלטן חסידישן לעבנסשטייגער, אבער בויען חסידות אינעם רוישיגן ניו יארק קומט נישט אין באטראכט. דער ריי"צ שרייבט פאר זיך וויפיל דמעות ער האט פארגאסן ביי יענעם מעריב נאכן הערן אזעלכע ווערטער...

דער ריי"צ האט געעפנט א ישיבה אין זיין הויז, אויף 770 איסטערן פארקוועי, און אנגעהויבן פון פריש לערנען מיט די בחורים

תורת הנגלה און תורת החסידות. ער האט מסביר געווען זיין כוונה אז די ישיבה זאל דוקא זיין אויף א הויפט גאס, כדי צו נעמען דעם תומכי תמימים פייער און אנוואַרעמען די אמעריקאנער קעלט.

אנדערש ווי די נישט-חסידישע ישיבות וואס זענען געווען אין יענער צייט, האט דער ריי"צ נישט געלאזט מ'זאל לערנען לימודי חול, אפילו נישט אין אוונט אויף דער אייגענער צייט. אזוי איז געווארן אז רובא דרובא פון די פירות פון די חב"ד בתי ספר איבער אמעריקע זענען נישט געבליבן אין ליובאוויטשער ישיבה, און זיי זענען געגאנגען לערנען אין פרומע מער "וועלטליכע" ישיבות, אבער דער רבי האט זיינע פרינציפן נישט געבויגן.

כאטש וואס ער האט דעמאלט געזאגט אז "אמעריקאנער זענען ווי שוועבל, זיי צינדן זיך אן שנעל, און לעשן זיך גלייך אויס...", דאך לא נס ליחו, און מיט אומגעהויערע כוחות האט ער זיך אריינגעווארפן אין בויען יהדות ארצות הברית.

אין זיינע יארן האט דער פריערדיגער רבי, טראץ זיין גשמיות'דיגע שוואכקייט, געאקערט און געזייעט, און ארומגעשיקט תמימים איבער גאנץ אמעריקע צו גיין מקרב זיין פארלוירענע נשמות, און בויען חדרים מיט ישיבות. דער סלאגאן וואס ער האט דעמאלט געלופטערט איז געווען: "לאלתר לתשובה, לאלתר לגאולה".

# פרק ט'

## לעצטע תקופה ביי מנהיגי חב"ד — דער ליובאוויטשער רבי זצ"ל

דער ריי"צ איז נסתלק געווארן אום י' שבט שנת תש"י. דאן האבן די חסידים אנגעהויבן מוטשען דעם איידעם, רבי מנחם מענדל שניאורסאהן, דעמאלט גערופן "דער רמ"ש", ער זאל איבערנעמען דאס "נשיאות".

עס איז אריבער א גאנצע קיילעכיגע יאר, און הערשט ביים ערשטן יארצייט י' שבט תשי"א, האט ער ווי געווענליך געפראוועט א פארברענגען מיט חסידים, ווען פלוצלינג האט ער אנגעהויבן מיט אן אש קודש זאגן א מאמר אויפן דיבור המתחיל "באתי לגני". וויבאלד אין חב"ד טוען נאר די אדמורי"ם זאגן א מאמר, האבן די חסידים באלד פארשטאנען אז דאס איז א סימן אז דער רבי איז נעתר לבקשתם, און ער האט אנגענומען די רבי'סטעווע.

בנוסף צו די פליכטן וואס זיין שווער האט אים באאויפטראגט נאך פון פריער, האט ער אצינד – איבערנעמענדיג דעם כסא האדמורו"ת – מוסיף געווען ביתר שאת וביתר עוז. סיי מיט פארשפרייטן תורה און חסידות, און אוודאי אויך מיט דער גרויסער ארבעט פון דערנענטערן פארלוירענע אידישע נשמות לאבינו שבשמים.

**הרב קליין ווערט אצינד פארקאכט, ווען עס קומט דער מאמענט פון אונז געבן צו פארשטיין וויאזוי זיין רבי, דער לעצטער ליובאוויטשער רבי, האט ממשיך געווען און מער און מער פארברייטערט דעם דרך פון חסידות חב"ד:**

ער האט גענומען די יסודות פון אלע פריערדיגע רביים, אלעס ארום דעם יסוד פון "לעשות לו יתברך דירה בתחתונים", און דאס אויסטערליש פארברייטערט, און דאס מערסטע וואס שייך אויסגעפירט עד הסוף. ער האט שטענדיג ארומגערעדט אז ס'איז שוין העכסט צייט אז מ'זאל דערנענטערן די גאולה שלימה, און ער האט אויפגעפאדערט ווער ער האט נאר געקענט אנטיילצונעמען אין דער מיסיע אריינצוברענגען אלוקות אין דער וועלט.

זיינע מעיינות התורה האט ער משפיע געווען ביי טויזנטער שיחות און מאמרים דורכאויס די פערציג יאר פון זיין הנהגה. חוץ די פילע שמועסן – "שיחות" – ביי די פארברענגענס אין יעדן ספעציעלן זמן ווי יארצייטן אדער ימי הולדת פון חב"ד רביים, זענען געווען שבת נאכמיטאג "פארברענגענישן", וואס האבן זיך געקענט ציען אזוי לאנג ווי פינף אדער זעקס שעה.

אין א שיחה איז געווען אריינגערעכנט חלקים פון ביאורים אויף חומש ורש"י אין דער וואכנדיגער סדרה, דרושים אין חסידות, חידושים אויף סוגיות הש"ס, עניני דיומא, און אזוי ווייטער נאך פילצאליגע ענינים.

דעם רבי'נ'ס גרויסער חידוש אין חסידות איז געווען, די קלארקייט פון אראפברענגען די טיפסטע ענינים אין א הגדרה'דיגער שפראך. אזוינע שווערע סוגיות חתומות ווי למשל דער ענין פון "בחירה חפשית", וואס אין די פריערדיגע דורות אין חסידות חב"ד איז עס נישט געווען זייער אויסגערעדט, זענען אבער יא ארויף אויפן רבי'נ'ס טיש כסדר, ווייל דאס איז געווען א חלק פון מאכן א דירה בתחתונים – צו ערמעגליכן דאס אראפברענגען חסידות, וואס איז











1. א פארברענגען ביים רבי'ן האט געדויערט שעות לאנג. וויבאלד א 'שיחה' אדער 'מאמר' האט זיך געקענט ציען אזויפיל ווי ביז פינף אדער זעקס שעה

2. א דערהויבענע מינוט איז ביים זאגן א 'מאמר' ווען אלע חסידים שטייען אויף די פיס. אין בילד מערקט שטיין כ"ק הרה"ק בעל נועם אליעזר מסקולען זצ"ל

3. דער באקאנטער איש השמיטה הרה"ח ר' משה יעקב סיגלער ז"ל (זיידע פון דעם שרייבער פון די שורות), ביי א 'שנעלע-יחידות' (דאלאר טיילן) אום ג' אב תשמ"ח






אלוקות, דא אין דער וועלט, אין דער פארשטענדליכער שכל שפראך.

אויך זענען אין זיינע תורות פאראן זייער אסאך ענינים אין נגלות התורה. דער רבי האט אסאך גע'דרש'נט בסוגיות הש"ס, מיישב געווען א שווערן רמב"ם, אדער מפרש געווען אן ענין בדרך הפלפול. אין דעם איז דער רבי געווען מער אייניג מיט די ערשטע דורות פון אדמו"רי חב"ד, ווי דער אלטער רבי און דער צמח צדק, וועלכע האבן גערעדט ברבים אויך אין נגלות התורה.

במיוחד צייכנט זיך אויס דעם רבי'נ'ס תורה אין צוזאמשטעלן גאנץ פרד"ס התורה, און אויפווייזן אז פ'שט ר'מז ד'רוש ס'וד איז בעצם תורה אחת. לדוגמא, צו ערקלערן ווי אין א רש"י איז מבואר אן ענין אין קבלה, און ווי מיט א פרק תניא קען מען באלייכטן א סוגיא אין ש"ס.

דער צוגאנג קומט פון דעם רבי'נ'ס מהלך אז תורה איז אמת, וממילא מוז זיך עס ארויסווייזן פון יעדן צד, און אז איין זאך איז נישט קיין סתירה צום צווייטן. חסידות איז נישט אמת נאר אין איין וועלט – אין תורת החסידות, נאר אויך אין הלכה שפראך, און אויך אין נגלות התורה איז זיך דאס מתיישב. פונקט ווי א נשמה און א גוף וואס מ'קען נישט זאגן אז עד כאן איז דער גוף און דא הויבט זיך אן די נשמה, געניי אזוי איז בנשמתא דאורייתא אינאיינעם מיט גופי תורה.

עס זענען טאקע פארבליבן הונדערטער בענדער ספרים, סיי וואס ער האט געזאגט ביי התוועדות'ן – גערופן "תורת מנחם", און סיי אויסגעארבעטע שיחות – גערופן מיט דעם עניוות'דיגן לשון "ליקוטי שיחות". אויך האט דער ליובאוויטשער רבי זיך באשעפטיגט צו פארצייכענען הגהות, הערות און ביאורים אויף אלע פריערדיגע ספרי חב"ד, איבערהויפט פארשטייט זיך אין ספר הקדוש תניא.

באופן מופלא האט דער רבי געוויזן ווי תורה איז מלשון הוראה, און די ענטפערס אויף אלע ספיקות און פראבלעמען געפינען זיך אין דער הייליגער תורה.

אין לאנגע יחידות נעכט, וואס האבן זיך געקענט ציען א גאנצע נאכט, האט דער רבי מדריך געווען א צעשטויסענעם דור נאך דער וועלט מלחמה מיט עניני אמונה, קלארקייט אין לעבן, פשוטע הדרכה אין שלום בית, און וויאזוי צו לעבן על פי תורה.

בנוסף צו דעם, האט דער רבי זיך אפגעגעבן מיט בריוו, שרייבנדיג צענדליגער טויזנטער בריוון און צעטלעך, מיט הדרכה פרטית פאר יעדן סוג איד.

ווען עס קומט צו דעם "והמעשה הוא העיקר", דארף מען קיינעם נישט דערציילן, דער רבי איז דאך באוואוסט מיט זיין איבערקערעניש אין דער וועלט פון דער עבודת השליחות. אין דער צייט וואס זיין שווער האט אנגעהויבן מיט איינצלנע שליחים, האט ער עס פארברייטערט, און דערמיט געשאפן א וועלט'ס באוועגונג, וואס האלט שוין היינט ביי העכער זעקס טויזנט שלוחים בכל כנפות ופינות העולם.

אין זיין לעבן מיטן רבונו של עולם, האט אים וויי געטון דעם צער השכינה. עס האט אים פערזענליך באמת טיף געשטאכן אויף יעדן אידיש קינד וואס איז דערווייטערט פונעם טיש פון זיין טאטן – דער אבינו שבשמים. ווילאנג עס איז נאך דא אפילו איין איד ערגעץ אין דער וועלט וואס קיינער האט נאכנישט פרובירט אים צו געבן די געלעגנהייט מקיים צו זיין א מצוה, זאל עס זיין תפילין, שבת, כשרות, ד' מינים אא"וו, האט ער איבערגעקערט א וועלט אז יענער אידל זאל האבן מיט וואס מקיים צו זיין די מצוה. דער רבי האט געקענט פאר דעם שיקן מענטשן איבערן ים, אלעס פאר א אידיש קינד וואס נישט ער און נישט קיינער וועט אמאל נהנה זיין אז ער האט פסח אויפדערנאכט געהאט א שטיקל מצה.

ווייל מיט דעם האט ער געלעבט. מיר זענען נישט דא אויף דער וועלט זיך צופרידנצושטעלן, מיר זענען דא צו טון פארן רבונו של עולם. דאס האט ער פארלאנגט פון זיינע שלוחים, און פון יעדן רב און יעדן רבי'ן בישראל וואס איז געקומען צו אים. אז דו טוסט א גוטע פעולה זאלסטו עס טון נאכמער. אז דער אויבערשטער האלט דיר אויף דער וועלט איז עס פאר איין תכלית אז דו זאלסט טון פאר אים. קיינמאל זיך נישט אפשטעלן, קיינמאל נישט זיין צופרידן, נאר זוכן די גאנצע צייט נאך מבצעים און נאך פעולות.

אין ליובאוויטש קוקט מען נישט אויף עבודת השליחות ווי א באזונדערע זכות וואס נאר עטליכע טויזנט אידן פארמאגן, נאר פונקט פארקערט, דאס באלאנגט פאר יעדן איד אויף זיין אופן. אט די הייליגע הנהגה פון השקפת חב"ד האט דער רבי געלערנט פאר יעדן איינעם.

דער רבי האט געשטופט יעדן איינציגסטן איד ער זאל אויסנוצן זיינע כוחות מיט וואס ער קען נאר צו פארשפרייטן "אויבערשטער אין וועלט". ווייל שליחות איז תניא לעבעדיג, אפגעשפילט געניי ווי דאס עוסק זיין אין דירה בתחתונים זעט אויס.

ער האט געשטופט יחידים צו שרייבן און ארויסגעבן זייערע חידושי תורה, א

# ויפוצו חוצה

## עדת חסידות חב"ד ליובאוויטש בימינו אלה און מקומות מושבותיהם

**ה**יינט צוטאגס איז ליובאוויטש גאר א גרויסע קהילה. עס איז אן אינטערנאציאנאלע חסידות מיט ארום דרייסיג טויזנט משפחות! זיי פארמאגן אן אייגענע לעבן פול מיט מנהגים און נייעס, עס איז ביי זיי דא גענוג וואס צו טון און מחדש זיין צווישן זיך, קוים קוים וואס זיי קומען אן צו וויסן און זיין אינטערעסירט מיטצוהאלטן געשעענישן פון דער דרויסנדיגער אידישער וועלט.

זייער תורה איז א רייכטום וואס ענדיגט זיך נישט, די ספרים שענק אין ליובאוויטשער שולן פולן אן אלע פיר ווענט מקצה אל הקצה מיט ספרי חב"ד, און זיי הארעווען אין דעם מיט חברותות און שיעורים. שוין יארן לאנג וואס כמעט וועכנטליך טוען ערשיינען נייע ספרי קודש אן אויפהער.

אין זיינע לעצטערע יארן עלי אדמות האט דער רבי גערעדט נאכאמאל און נאכאמאל וועגן דעם כח פון רבנים, און די סייעתא דשמיא וואס זיי פארמאגן. טאקע זייט יענעם ביטערן טאג, ג' תמוז תשנ"ד, איז דא "וועד רבני ליובאוויטש" אין קראונהייטס וואס פירט די עדה אין אמעריקע. אין ארץ ישראל איז דא א באזונדערער "בית דין רבני חב"ד".

ליובאוויטשער חסידים זענען אויסגעשפרייט בארבע כנפות הארץ. יעדער ווייסט טאקע אז וואו נאר עס קען זיך אפשר געפינען אידן, איז דא א חב"ד הויז וואס וועט עוסק זיין דארט צו שאפן א דירה בתחתונים, אבער אויסער די שלוחים זענען אויך דא פילצאליגע געהעריגע קהילות פון חסידי חב"ד איבער דער וועלט, נישט דוקא בשייכות מיט קירוב.

אין גאר אסאך שטעט און ערטער איבער דער וועלט געפינען זיך גרויסע אנוועזנהייטן פון ליובאוויטשער חסידים וואס זענען נישט קיין טייל פון דער שליחות אימפעריע, נאר זיי זענען געווענליכע מיטגלידער אין אפיציעלע קהילות, א ליובאוויטשער ציבור וואס פראווועט א פולע חסידישע לעבן.

לאמיר כאפן א געשיקטע רייזע איבערן ערד-קוגל, און א בליק טון אויף די חב"ד'סקער פעסטונגען. מיר ווילן ברענגען נאר די ערטער וואס האבן כאטש הונדערט משפחות און העכער, און צוצייכענען וויפיל משפחות דער ישוב פארמאגט (דאס אלעס איז אויסער די זעקס טויזנט משפחות פון שלוחים וואס זענען אויסגעשפרייט בארבע כנפות הארץ).

**קראונהייטס** איז אוודאי די ערשטע אויף דער רייע. דאס איז דאך דער עיר הבירה פון ליובאוויטש, וואס פארמאגט אין זיך דאס הארץ פון חב"ד חסידים, דער "בית רבינו שבבבל" – סעווען סעווענטי.

קראונהייטס איז בעצם איינע פון די חרדישע שטעט אין ברוקלין ניו יארק, וואו מיט יארן צוריק האבן זיך דארט געפינען אידן פון אלע קרייזן. עס זענען געווען דארט שטיבלעך פון אלע חסידים, ווי אויך גרויסע הויפן פון א צאל חסידות'ן ווי באבוב, סאטמאר, סקולען, ספינקא און נאך. ווען עס האט זיך אריינגעצויגן די אפריקאנער-אמעריקאנער טונקעלע געמיינדע אין דער געגנט, איז דאס רוב ציבור אנטלאפן, אויסער ליובאוויטשער חסידים וואס האבן על פי הוראת רבם זיך געהאלטן פעסט און פארבליבן אין שטאט.

דער רבי האט געהאלטן אז מען טאר נישט פארלאזן אן אידישער ישוב, און איבערלאזן עלטערע אידן און אנדערע וואס ס'וועט זיי זיין שווער זיך אריבערצוקלייבן ערגעץ אנדערש. טראץ די שוועריקייטן מיט די גוים, האט דער רבי צוגעזאגט אז "כאן צוה ה' את הברכה".

היינט וואוינען אין די אידישע קראונהייטס כמעט נאר חב"ד חסידים, מיט א ציבור פון העכער פינף טויזנט משפחות און מער ווי צוואנציג טויזנט נפשות. עס זענען פארהאן ארום פינף און זיבעציג אקטיווע שולן לתורה ולתפילה, ווען אין שפיץ שטייט דער 770 צענטער אויף איסטערן פארקוועי, וואס איז היינט כמעט ביים עק פון דער היימישער געגנט. דאס דינט אלס "מנין צענטער" פון שטאט.

די מוסדות החינוך ווערן געפירט פריוואט, נישט אונטער די אפיציעלע חב"ד ארגאניזאציעס. אין דעם איז חב"ד מער ענליך צו דעם ליטווישן קהילה געבוי, וואו אין יעדער ישיבה נעמט דער ראש המוסד אחריות אויפן גשמיות, וממילא אויך אויפן רוחניות, דערפאר זענען דא עטליכע מוסדות החינוך, כאטש זיי זענען אלע ליובאוויטש.

"אהלי תורה" איז דער גרעסטער חדר, מיט זעקס כיתות פאר יעדער עלטער. דארט לערנט מען ביז היינט אויף אידיש פונקט ווי אויפן אלטן שטייגער. ווי דער רבי האט געפאדערט, לאזט מען נישט אריין קיין שום לימודי חול, אפילו נישט איין שעה א טאג.

א קלענערער מוסד איז "ליובאוויטשער ישיבה", וואס לערנט אויף ענגליש, מיט לימודי חול איין שעה א טאג.

"אור מנחם" איז דער משיח'יסטישער מוסד, דער קלענסטער, וואס דארט איז מען אויך מקפיד אויף אידיש און אויך נישט קיין שום לימודי חול.

די מיידל שולעס זענען, "בית רבקה" – א ריזיגער מוסד מיט אכט כיתות אין יעדער עלטער. א מער פרומער מוסד איז "בנות מנחם", וואס האט שטרענגערע כללים אין צניעות, און דאס איז דער מוסד וואס פארמאגט דעם בארימטן "רז"ג חתונה זאל".

"בית חיה מושקא" איז א שטארק פרומער מוסד, אלעס נאר אויף אידיש, און די מיידלעך דארט לערנען נישט קיין ווארט לימודי חול! (עס זענען דא חילוקי דעות ביי חסידים צי דער רבי האט געהאלטן אז אויך מיידלעך זאלן נישט לערנען קיין לימודי חול, און דער מוסד איז פון די מחמירים).

דער צווייט-גרעסטער ישוב פון חב"ד חסידים אין דער וועלט איז **כפר חב"ד** -- דער ליובאוויטשער הויפטקווארטיר אין ארץ הקודש, וואס געפינט זיך א פופצן מינוט דרייוו פונעם לוד לופטפעלד אין דער תל אביב אומגעגנט. דער ישוב איז נתייסד געווארן דורכן רבי'ן ריי"צ, און היינט פארמאגט עס דרייסיג שולן מיט א ציבור פון צוויי טויזנט משפחות.

איינע פון די אייגנשאפטן מיט וואס חב"ד איז באוואוסט היינט, איז דער עסק פון נאכבויען די 770 געביידע איבער דער וועלט. היינט זענען דא מער פון 75 אזעלכע בנינים וועלכע מען האט דאס מערסטע ווי ווייט מעגליך פרובירט פונקטליך



נאכצובויען דעם אריגינעלן מאדעל.

טאקע אין דעם צענטער פאר חסידי חב"ד בארה"ק, כפר חב"ד, איז דא דער בעסטער נאכגעמאכטער אזא בנין, געניי מיט דעם זעלבן אויסשטעל מבית ומבחוץ, מיט דעם זעלבן מוסטער און אלע איינצלהייטן, ממש ווי די אויטענטישע געביידע וואס שטייט אין קראונהייטס, ניו יארק.

אויסער דעם צענטראלן כפר חב"ד, זענען אין ארץ ישראל פארהאן נאך גאר גרויסע חב"ד פעסטונגען וואו עס וואוינען א ציבור גדול ליובאוויטשער חסידים. צווישן זיי ציילט זיך:

נחלת הר חב"ד אין קרית מלאכי – 1,300 משפחות.

הר כנען געגנט אין צפת – 900 משפחות

שיכון חב"ד אין צענטער פון ירושלים עיר הקודש – 800 משפחות.

אין די פאלגנדע שטעט זענען אויך דא גרויסע נומערן פון משפחות חב"ד חסידים: לוד - 1,200; רחובות – 700; באר שבע – 250; אלעד – 250; קרית גת – 300; אשדוד – 100; ביתר עילית – 800; בית שמש – 350; בני ברק – 300; פתח תקוה – 200; חיפה – 200; נתניה – 300; אשקלון – 100; מגדל העמק – 300; ראשון לציון – 200; און די ליסטע גייט ווייטער צו נאך אסאך גרעסערע און קלענערע. דער סך הכל ציבור אין ארץ ישראל איז ארום 13 טויזנט משפחות חסידי חב"ד קע"ה.

אין אלגעמיין געפינט זיך די דריט-גרעסטע אידישע באפעלקערונג נאך ארץ ישראל און אמעריקע, אין דעם לאנד פראנקרייך (נישט אזא באקאנטער פאקט). אויך ביי ליובאוויטשער חסידים איז אין צרפת דא דער דריט-גרעסטער ציבור מיט צוויי טויזנט משפחות, רוב אין דער הויפטשטאט פאריז, ווי אויך א קליין ביסל אין די שטעט ברינווע און יאער.

צוריק צום אמעריקאנער קאנטינענט זענען דא גרויסע קהילות אין נאך א רייע שטעט: לאס אנדזשעלעס – 700 משפחות; מאנטריאל – 700 משפחות; פלארידע – 600; בארא פארק – בערך 250 משפחות; מאנסי, וואס איז דער ישוב וואו ליובאוויטשער פון קראונהייטס ציען זיך ארויס אין ניו יארק – 200. חוץ מזה האט זיך לעצטנס געשאפן א נייער גרויסער ישוב אין דער דערנעבנדיגער געגנט פאמאנא, וואו ס'איז שוין דא היינט העכער הונדערט משפחות מיט א צאל חב"ד שולן.

אין ניו דזשערסי זענען סך הכל פארהאן ארום 250. אין דעטרויט, מישיגען, ווי אויך אין יוסטאן, טעקסאס, זענען דא ארום 100 פאמיליעס. אזוי ווייטער גייט די ליסטע צו קלענערע נומערן אין אנדערע שטאטן און שטעט. דער סך הכל ציבור אין ארה"ב וקאנאדע איז ארום 9,000 משפחות חסידי חב"ד.

אנדערע גרעסערע קהילות ארום די וועלט זענען: דרום אפריקע – 620; אוקראינע – 300; אויסטראליע – 500; ענגלאנד – 600; רוסלאנד – 200; בראזיל – 250; ארגענטינע – 120. ■


א נאכגעבויטער מאדעל פון 770 מיט איד פולער פראכט אין כפר חב"ד אין ארץ ישראל

ביזנעסמאן זאל טיילן מצה פאר זיינע באקאנטע אין אפיס אא"וו, יעדער איד זאל ברענגען די ליכטיגקייט פון חסידות ביי אים אין הויז. שליחות איז נישט קיין שררה – א פאסטן צו וואס געוויסע זענען זוכה, שליחות איז א לעבנ'ס ארבעט. יעדע נשמה איז א שליח, אראפגעשיקט דא למטה צו מאכן א דירה פארן אויבערשטן!

כאטש וואס פון דער מינוט וואס דער רבי האט אנגענומען דאס נשיאות איז ער נישט ארויסגעפארן פון קראונהייטס צו קיין שום פלאץ, אויך נישט אויף א קורצער דאטשע, איז ער אבער זייער אפט צוגעפארן קיין קווינס צום שווער'ס ציון, און פארברענגט דארט יעדעס מאל צווישן פינף ביז אכט שעה, סיי אין פראסטיגע קעלט און סיי אין שטארקע היצן, אלעס כדי מתפלל צו זיין און מזכיר זיין בקשות פאר אידישע קינדער.

טאקע פארברענגענדיג ביים ציון פונעם "רבי'ן דער שווער", זייענדיג בגיל מרום בשנת התשעים לחייו, האט ער דארט געליטן פון א סטראוק ל"ע. פון דעמאלט אן איז דער רבי פארבליבן אין א שווערן מצב וואס האט פאראליזירט זיין כח הדיבור, ביז צוויי יאר דערויף ווען ער איז נסתלק געווארן אינעם טאג פון ג' תמוז תשנ"ד. דער רבי איז געקומען לקבורה נעבן זיין שווער אינעם אוהל אין קווינס.

## פרק י'

## די לעצטע דרייסיג יאר זינט דעם לעצטן רבינ'ס פטירה

**אצינד שטעלן מיר זיך אפ רעדן איבער די לעצטע דרייסיג יאר אין חסידות חב"ד, זינט דעם רבינ'ס פטירה אין יאר תשנ"ד, ווען די ווילדע "משיח" באוועגונג האט זיך פארשפרייט ביי טייל ליובאוויטשער חסידים, און עס האלט נאך אן ביז צום היינטיגן טאג.**

**מיר געבן איבער דאס ווארט פאר הרב קליין.**

"דער רבי איז דאך געווען א גרויסער מנהיג, און אינאיינעם מיט זיין דביקות אין גאולה און אין משיח, האבן טייל חסידים צוביסלעך אנגעהויבן זען שטארקע סימנים און רמזים אז דער רבי איז פאסיג צו דינען אלס מלך המשיח. דער רבי אין זיינע עלטערע יארן עלי אדמות האט כסדר געקאכט אז ס'איז שוין העכסט צייט צו ברענגען דעם ביטערן גלות צו א סוף, און ער האט פיל ארומגערעדט בעניני גלות וגאולה.

"אן א שיעור פאקטארן האבן געברענגט דערצו, צום ביישפיל, ווי וואונדערליך עס הערט זיך, האט דער רבי פארמאגט אלע זיבן סימנים וואס דער רמב"ם אין סוף הלכות מלכים רעכנט אויס וואס עס דארף זיין אינעם מלך המשיח. אויך די גמרא אין מסכת סנהדרין

שרייבט קלאר, אז דער נאמען פון משיח איז "מנחם". צוליב דעם, און צוליב נאך גאר א לאנגע רייע פאקטארן, האבן חסידים אנגעהויבן טייטלען אז דער רבי איז משיח.

"די אלע סימנים און רמזים זענען קיינמאל נישט געהערט געווארן פונעם רבי'ן דירעקט. אדרבה, דעם רבי'ן פערזענליך האט עס ווי געטון כידוע, און ער האט געשריבן צו חסידים: "עס איז א מצוה מרבה צו זיין אין אהבת ישראל, און עס איז נישט קיין מצוה נאכצוזוכן ווער איז משיח". נאך דעם רבינ'ס הסתלקות, איז געווארן חילוקי דעות אין דעם ענין וויפיל עס דארף אויף דעם זיין די הדגשה. אויך האט זיך געשאפן א קבוצה פון א טייל ארץ ישראל'דיגע חב"ד'סקער, וואס האבן נישט געקענט דורכטראגן דעם רבינ'ס הסתלקות, און זיי האבן מחליט געווען זיך צו פירן כאילו דער רבי לעבט נאך בגשמיות אין א גוף גשמי."

**הרב קליין האט נישט קיין חשק אריינצוגיין און אויסשמועסן דעם ענין, בלויז איין נקודה וויל ער ארויסברענגען:**

מ'דארף קלאר מאכן אז דער גאנצער ענין איז נישט קיין געלט סכסוך אדער עפעס א געווענליכע פלוגתא אויף כבוד און מוסדות. פאר א דרויסנדיגער זעט עס אפשר אויס ווי א פארטייאישע געשעפט, אבער באמת איז עס א דקות'דיגע זאך אינעם התקשרות צום רבי'ן. עס איז אן איידעלע מחלוקה אין השקפה – וויאזוי גענוי מען פארשטייט פשט אין די תורות און אין די רצונות פונעם רבי'ן. עס זענען דא זאכן וואס דער רבי האט מדגיש געווען וואס מ'דארף עס פארשטיין.

**■ איך פארשטיי אז דאס רוב פונעם ציבור גלייבט נישט דערינען, אלזא נאכן בלייבן כצאן בלי רועה, ווער שטייט היינט יא בראש הציבור און ווייזט אָן את הדרך אשר ילכו בה? די וועלט וויל פארשטיין פארוואס חב"ד נעמט נישט אויף קיין ממלא מקום אויף דעם רבי'נס פלאץ?**

לערנט אייך אויס דער כלל, כל זמן איינער פרעגט פארוואס מען נעמט נישט אויף קיין ממלא מקום, איז עס א סימן אז יענער האט נאכנישט אנגעהויבן טון אין דעם לעבן און שאפן פונעם רבי'ן, און וואס עס איז בכלל דער מושג פון א רבי אין תורת חב"ד.

פראקטיש גערעדט, האט דער רבי געזאגט קלאר וואס דער סדר דארף זיין נאך זיין פטירה. יעדער ליובאוויטשער חסיד איז באהאוונט מיט דער באקאנטער שיחה "בואו ונחשוב חשבונו של עולם" פון ב' אדר תשמ"ח. דארט שמועסט דער רבי אויס קלאר אז ווען מ'וויל וויסן את המעשה אשר יעשון דארף מען גיין צו דריי חסידישע רבנים, וואס זיי האבן סייעתא דשמיא צו פסק'ענען הלכות והליכות. ממילא, אפילו אן ארייינגיין אין דער דקות'דיגער הבנה וואס איז א רבי און אויב ס'איז בכלל שייך א ממלא מקום, איז דאך קלאר פון דעם רבינ'ס ווערטער וואס דער רבי וויל.

דער פאקט גופא אז דער רבי שטעלט אויס אזא סדר, מאכט קלאר ביי יעדן חסיד אז דער רבי זאגט דא א פשוטע זאך, אז לא עזב ולא יעזוב את צאן מרעיתו, ווארום "חסידים אן קיין רבי קען ניט זיין". חסידים זענען פארבינדן צום רבי'ן, ווייל קיין זאך אין דער וועלט, קיין נסיון, קען נישט אפרייסן דעם קשר.

דער רבי האט שטארק געקאכט בנוגע דעם פריערדיגן רבי'ן אז "מה זרעו בחיים אף הוא בחיים", און דאס איז דאך געווען אויך נאכדעם וואס ס'איז געווען א ממלא מקום, איז מכל שכן אז ס'איז גילטיג, און נאכמער, היינט.

און באמת, וואס פעלט אויס הסברה אין זאכן וואס מיר פארשטייען נישט אין זיי? פוק חזי ווי דעם רבינ'ס אור לעבט! דער רבי באלעבט טויזנטער אידן טעגליך, און מיום ליום ווערט דאס לעבעדיגער און לעבעדיגער!

טראץ זיין הסתלקות איז פארבליבן דער "עין רואה" – ווען במשך די יארן זענען געווארן אפגעכאפט טויזנטער שעות פון שיחות און מאמרים לעבעדיג, וואס מ'קען שטענדיג איבערקוקן; "אוזן שומעת" – ס'איז פארבליבן טויזנטער שעות רעקארדירטע שיחות און מאמרים פון דעם רבינ'ס פארברענגענס און דברי תורה וואס די חסידים הערן אויס טעגליך; "וכל מעשיו בספר נכתבים" – זיין תורה און הדרכה איז פארשריבן אין טויזנטער ספרי קודש. מ'קען אפלעבן א גאנצע לעבן און קוים אנקומען צו לערנען העלפט פונעם רבינ'ס תורה, סיי בנגלה און סיי בנסתר.

חסידי חב"ד זענען אלץ פארנומען מיטן זיך אריינווארפן אין דעם רבינ'ס חסידות, טון אין דעם רבינ'ס ארבעט פון לתקן עולם במלכות ש-די, און טון וואס מיר קענען להביא לימות המשיח.

מיט יעדער נייער שאלה, ווען די וועלט טוישט זיך, זענען מיר מעיין אין די הונדערטער בענדער פון שיחות און בריוון, ארויסצונעמען דעם רבינ'ס צוגאנג דערצו. אזוי לעבן ליובאוויטשער חסידים, מיט בטחון אז די תקופה איז צייטווייליג, און "הנה זה עומד אחר כתלינו", באלד וועט שוין משיח קומען און אונז ארויסשלעפן פון דעם ביטערן גלות.





1

מיר גייען אוועק פונעם היינטיגן פארברענגען מיט א נייעם בליק אויף חסידות חב"ד. פון היינט אן ווייסן מיר שוין, אז אנגעפאנגען ביים אלטן רבי'ן דער בעל התניא, ביז ממש דער יעצטיגער מינוט, זענען חב"ד חסידים פארנומען אויף אלע פראנטן צו שאפן א דירה לו יתברך בתחתונים, און ווי נידריגער עס איז דער ארט וואס מען הייבט אויף צו אלוקות, אלץ א גרעסערער הידור איז דאס אין מעיינותיך חוצה. דאס איז א חב"ד'סקער מחשבה, דיבור און מעשה, און אין דעם וועט איר טרעפן דעם שורש און טעם אויף אלע ענינים.

מיר וואלטן בעצם נאך געוואלט ארומרעדן פון אזויפיל גרויסע חשובע נושאים און מנהגים, אבער קעגן דעם היינטיגן שמועס וואו הרב קליין האט אונז פארשטיין געגעבן דער יסוד און נשמה פון אלצדינג, זעט אלעס אנדערש אויס ממש מינדערוויכטיג.

מיר בעטן דעם משפיע צו פארענדיגן אונזער היינטיגער פארברענגען מיט א געדאנק אויף למעשה, אויף וואס ער רעאגירט באלד: "כאטש א פארברענגען ענדיגט זיך נישט, מען איז נאר מפסיק ביז דעם קומענדיגן מאל ווען מ'זעצט זיך צוזאם..., דאך אויפדערווייל איז כדאי ארויסצוברענגען א נקודה:

"עס שטייט אין מדרש, אויפן פסוק 'קול גדול ולא יסף' – שלא היה לו בת קול. דאס הייסט, אז בשעת מתן תורה איז נישט געווען קיין ווידערקלאנג. כאטש ס'איז געווען קול ה' בכח, קול ה' בהדר, האט מען נישט געהערט קיין ווידערקול פון די ארומיגע בערג, ווי די טבע וואלט געמאנט.

"וואס ליגט אין דעם? וואס וויל דער מדרש אונז זאגן דערמיט? ובפרט אז מ'ווייסט אז דער אויבערשטער טוט דאך נישט קיין ניסים למגנא – אומזיסט?

"נאר דא שטייט א יסודות'דיגער ענין אין קבלת התורה. וואס איז דער געדאנק פון א ווידערקלאנג? אז דאס קול ווערט נישט איינגעזאפט נאר עס בלייבט ארומלויפן. דערפאר, ווען מען איז ארומגענומען מיט ווייכע סחורה איז נישטא קיין ווידערקול, ווייל ס'ווערט יא פארלוירן און איינגעשלינגען. נאר דוקא ביי הארטע זאכן ווי האלץ, אדער נאכמער פון שטיין, איז פארהאן א ווידערקול.

"א ווידערקלאנג ביי מתן תורה וואלט געמיינט אז די וועלט איז נישט מקבל די תורה, דער קול התורה ווערט נישט איינגעזאפט, און שפרינגט אויף צוריק. הייסט דאס אז ס'וואלט נישט געווען קיין דירה בתחתונים.

"אבער דער גאנצער אויפטו פון מתן תורה איז, בלשון הפיוט, אז 'עליונים ששו ותחתונים עלזו', ס'איז געווארן א חתונה פון עליון און תחתון, 'ביום חתונתו זו מתן תורה'. מתן תורה האט אויפגעטון אז א דבר גשמי, א שטיק פעל פון א בהמה, קען ווערן הייליגע תפילין. 'אנוכי' איז געזאגט געווארן אין לשון מצרי, ווייל דער וועלטליכע שפראך שרייט אויך אנכי ה' אלוקיך. וועלט איז מסכים מיט אלוקות!

"דערפאר טאקע שטייט 'ציפור לא צייץ, עוף לא פרח, שור לא געה'. מתן תורה מיינט אז ס'איז נישטא קיין רייבעניש פון תורה מיט דער וועלט, דער בורא איז ח"ו נישט צעקריגט מיט זיין טייערע בריאה, און דערפאר ווערן זיינע הייליגע ווערטער איינגעזאפט.

"אין פשוטע ווערטער מיינט דאס, אז אידישקייט, אלוקות, מוז זיך אפלייגן אויף א שטייגער פון אנגענעם און באקוועם אין אונזער וועלט. אמאל רעדט מען מיט א מענטש, און ער שמועסט רואיג, אבער ווען ס'קומט צו רעדן וועגן דעם אויבערשטן, מיטאמאל בייט זיך זיין קול, ער מאכט מיט די הענט און גלאנצט מיט די אויגן. דאס מיינט אז דער אויבערשטער איז ביי אים נישט בהתיישבות, דערפאר האט ער א ווידערקלאנג.

"אונזער קבלת התורה וועט זיין, ווען מיר וועלן קענען רעדן אינדערהיים וועגן דעם אויבערשטן, וועגן דער כוונה העליונה און וועגן תורה ומצוות, רואיגערהייט, מיט געשמאק, ווייל ס'איז טאקע איינס מיט אונז. ס'וועט זיך אפלייגן אין אונזער קאפ אחדות השם, אזוי אז מ'וועט דאס קענען רעדן אזויווי מיר רעדן וועגן אנדערע פשוטע פאקטן, ס'וועט ווערן א מציאות.

"נישט אומזיסט געפאלט די יומא דהילולא פונעם בעל שם הקדוש אין דעם טאג פון מתן תורה, ווייל ביידע זענען טאקע די איין שפיץ נקודה: צו ברענגען אלוקות אין וועלט, אריינברענגען געטליכקייט אין טבע העולם און אין טבע האדם, און דער בעל שם טוב האט געוויזן דעם וועג דורך תורת החסידות ודרכי החסידות". ■

*פאר סיי וועלכע הערות און הארות אויף דעם 'נוסח' פראיעקט, אויפן עבר און אויפן עתיד, קענט איר אונז שרייבן אין אימעיל אויף: nusach@momentmagazine.org אדער לאזן א מעסעדזש אויף 917-477-7880*





1. מיט הרב קליין שליט"א.

**2. לעשות לו יתברך דירה בתחתונים.** מאפע פון ארום דער וועלט צייגט אין רויטע קאליר איבעראל וואו שלוחי חב"ד זענען שוין אהין געקומען צו פארשפרייטן אידישקייט.

נוסח חב"ד

# חב"ד'סקער ווערטער-בוך

## העכער הונדערט געקליבענע ליובאוויטשער ווערטער, לשונות און אויסשפראכן על פי סדר הא"ב

**אט זענען ווערטער/מושגים וואס זענען שוין ברייט און רייך אויסגעשמועסט געווארן אויבן אינעם עצם "נוסח" ארטיקל:**
**אחדות השם, אלוקות, אפגעלייגט/ מונח, באברויסק, באתי לגני, דא"ח, דירה בתחתונים, המעשה הוא העיקר, המשך, התבוננות, חב"ה, חיילי בית דוד, ירידה לצורך עליה, כוונה עליונה, כפר חב"ד, ליאדי, ליובאוויטש, ליקוטי שיחות, לכשיפוצו מעיינותיך חוצה, משפיע, נחלת הר חב"ד, פארברענגען, פדה בשלום נפשי, פעטערבורג, קאפוסט, קונטרס ומעין, קונטרס עץ חיים, קראונהייטס, ראסטאוו, ראש השנה לחסידות, רבותינו נשיאינו, רבי אהרן סטראשעלע, רמב"ם פון חסידות, רצון העליון, תרס"ו, תורת מנחם, תומכי תמימים, תניא קדישא.**

**אוהל —** דער מקום קבורה פון אדמור"י ליובאוויטש, פונעם רבי'ן ריי"צ און דער לעצטער רבי אין קווינס, ניו יארק. היינט איז עס א תל תלפיות וואו טויזנטער אידן פון אלע שיכטן און קרייזן זענען פוקד אין אלע שעות פון טאג. חסידי חב"ד האלטן דארט אין איין מתפלל זיין, אין גאר אפטע געלעגנהייטן.

**אזכיר על הציון —** דער אפטער ענטפער פון דעם לעצטן רבי'ן אויף שווערע הזכרות, אז ער וועט עס דערמאנען ביי דעם ציון פון 'דער רבי דער שווער'. דארט פלעגט דער רבי שטיין שעות נאכאנאנד צו דאווענען פאר אידן אין היצן און אין קעלט, צוויי מאל אין חודש. ווען מ'האט אמאל געבעטן דעם רבי'ן ער זאל נישט פארברענגען אזויפיל שעה אין די ביטערע פרעסטן, האט דער רבי רעאגירט: "ביי מיר איז דער ציון ווארעם...".

**"אני לא נבראתי אלא לשמש את קוני" —** א מאמר חז"ל אין וואס חסידות חב"ד קאכט זיך, אין דער עבודה פון "ביטול" און "קבלת עול" צום אור אין סוף ב"ה, מיט א פוקאס אין די מלחמת היצר אויסצורייסן דער "ישות" פון זיך.

**אתחלתא דגאולה —** גאר שארפע ווערטער האט דער רבי געלאזט הערן איבער דעם פארווייטאגטע ציוניסטישן מהלך: "די איינציגע סיבה פארוואס עס פאלן אזויפיל קרבנות אין ארץ ישראל", האט דער רבי געשריגן, "מוז זיין נאר ווייגן דעם שקר, אז הופכים חושך לאור, צו זאגן אז אזא שרעקליכע גלות הייסט גאולה!"

**אתכפיה —** א חסיד פראוועט "אתכפיה", אן עיקר גדול אין עבודת השם כמבואר בתורת חב"ד. דאס מיינט זיך צווינגען – 'כופה זיין' – צו טון רצון ה'. דערמיט שאפט מען געוואלדיגע המשכות למעלה. אמאל קען מען פראווען אתכפיה דורך פשוטע קליינקייטן, ווי עסן אביסעלע ווייניגער וואס גלוסט זיך, זיך איינהאלטן פון רעדן איבעריגע רייד, און דאס ווערט ממש גערעכנט ווי מ'איז זובח יצרו להשי"ת.

**בור על גבי בור —** דער געוואלדיגער חידוש פונעם רבי'ן רש"ב וויאזוי צו בויען א מקוה, איין בור ממש אויפן אנדערן. אט דער געדאנק פארשפארט אן א שיעור הלכה'דיגע פראבלעמען אין הלכות מקוואות. מיר וועלן אצינד נישט אנרירן דעם חידוש נפלא דערפון, ווארום ס'פאדערט זיך א היקפ'דיגער שיעור כללי עס צו פארשטיין, תן לחכם ויחכם עוד. היינט זענען פאראן טויזנטער אזעלכע מקוואות מהודרות אין חב"ד, ווי אויך ביי אנדערע חסידישע מקומות.

**בית רפואה —** אין חב"ד איז מען שטארק מקפיד אויף לשון נקיה, און אויך אויף א פאזיטיוו שפראך. בעסער זאג "נישט גוט" ווי "שלעכט", אדער זאג "היפך החיים" אנשטאט "געשטארבן". אזוי אויך האט דער רבי געמאנט אז א שפיטאל אין ארץ ישראל זאל הייסן א בית רפואה, נישט ווי די ציונים האבן געגעבן דעם נאמען "בית חולים". ס'איז גראדע אויך מער מדוייק, ווארום מ'איז געקומען דארט זיך היילן, נישט אויף קראנק צו ווערן...
על פי בקשתו פון דעם ליובאוויטשער רבי'ן, האט דער קלויזנבורגער רבי זצ"ל געביטן דעם נאמען פון זיין "לאניאדו" שפיטאל אין נתניה צו "מרכז רפואה".

**בעל גגלה —** א חב"ד'סקער צונאמען פאר אן אויסגערופענער תלמיד חכם און שטארקער למדן.

**בפועל ממש —** א בקשה צו השי"ת אז מ'זאל שוין זוכה זיין צו ישועת השם בפועל ממש...

**גימל תמוז —** דאס ווארט וואס ברענגט ארויף א וואלקן אויף יעדן חב"ד'סקער געזיכט. פון ווייטאג אויס, זאגט מען נישט "דעם רבינ'ס פטירה", נאר "אזוי פלעגט זיין פאר ג' תמוז", אדער "זינט ג' תמוז איז אזוי".

**גיין א קאראהאד —** א סארט קאזאטשקע טאנץ, וואו פרייליכע חב"ד חסידים פלעגן ארויסגיין אין א ריקוד מזמן לזמן אויסצודרוקן זייער שמחה אין תורה און חסידות.

**ד' בבות —** דער באקאנטער חסידישער ניגון פונעם אלטן רבי'ן, וואס איז געבויט מיט העכערע כוונות און יחודים כנגד שם הוי"ה ב"ה. עס ווערט געזינגען אין חב"ד נאר אין ספעציעלע זמנים, ווי אין געוויסע יומי דפגרא און טייל ימים טובים. די פיר פעלער זענען מבואר באריכות ווי די תנועות שטעלן פאר די פיר עולמות - אצילות, בריאה, יצירה, עשיה. דער אלטער רבי נעמט דעם חסיד ארויף אויף דער רייזע פון עשיה ביז צו אצילות אליין, צו זיין דבוק אין דעם 'הוא לבדו הוא ואין זולתו'.

**דאניעפראפאטראווסק —** די שטאט איז די דריט-גרעסטע אין אוקראינע, היינט צוטאגס רופט מען איר "דניעפרו". דארט האט דער מקובל און צדיק, דעם רבי'נס פאטער "רבי לוי'ק" געוואוינט און געווען רב. חב"ד האט היינט דארט אויפגעשטעלט דער גרעסטער אידישער בנין אין דער וועלט - "מרכז מנורה". עס באשטייט פון אן אכט חלקים'דיגער וואלקנקראצער בנין בית חב"ד, מיט שולן, מקוואות, האטעלן, זאלן, מוזעאומס און נאך. מיט פוטין קען מען זיך נישט אויסרעכענען, דערווייל שטייט עס נאך...

**דידן נצח —** נצחונ'דיגע אויסשפראך נאך וואס ליובאוויטש האט געווינען דעם משפט ה' טבת תשמ"ז, ווען דער שופט האט גע'פסק'נט אז "דער רבי באלאנגט פאר די חסידים".

**דרך ארוכה שהיא קצרה —** דער נאמען פאר דער עבודה פון שיטת חב"ד וואס דער בעל התניא איז מבאר אין זיין הקדמה. עס נעמט טאקע לאנג, אבער צום סוף איז עס א גיכער וועג אנצוקומען!

**הקהל –** משורשו איז עס א מצוות עשה דאורייתא פארן מלך ישראל בזמן הבית צו לערנען דעם עם השם מצוות התורה. אין ליובאוויטש איז מען דאס מקיים דורכן צוזאמנעמען אידן און רעדן מיט זיי ענייני יראת שמים און חיזוק בתורה ובמצוות.

**הפצת המעיינות —** דער הייליגער עסק פון פארשפרייטן חסידות צו ברענגען מער "ליכטיגקייט אין וועלט", על פי דעם לשון פון משיח צום בעל שם טוב, אז ער וועט קומען "לכשיפוצו מעיינותיך חוצה".

**ווי וואנט משיח נאו —** איבערגעטייטשט אין ענגליש דעם שפיץ קאך פון חסידות חב"ד, להביא לימות המשיח. די ווערטער זענען בדוקא ענגלישע, גענוי ווי די פריערדיגע רבי'ס אינדערהיים האבן גענוצט די רוסישע שפראך כדי צו באלייכטן די שפת המדינה מיט קדושה און עס אויסנוצן אויף עבודת השם.

**ופרצת —** דער פסוק אין פרשת ויצא "ופרצת ימה וקדמה צפונה ונגבה", האט דער רבי גענוצט אלס א כלליות'דיגער רוף צו פארברייטערן די ארבעט אין יעדער ריכטונג, דורכצוברעכן הגבלות, בויען מוסדות, אנקומען אין ווייטע לענדער און איבערטייטשן חסידות אויף יעדער שפראך.



אוהל אדמו"רי חב"ד. פונעם מוהריי"צ זצ"ל און לעצטער ליובאוויטשער רבי'ן זצ"ל אינעם מאנטיפיארי בית החיים אין קווינס, ניו יארק



ספר חת"ת - ח'ומש ת'הילים ת'ניא. א חוב אויפ'ן טעגליכן סדר היום ביי יעדן חב"ד חסיד.

**נוסח חב"ד**

אין עבודה פנימית מיינט דאס זיך אונטערנעמען גרעסערע קבלות אין עבודה, נישט קוקן אויפן זייגער ווען מ'לערנט תורה, און דורכברעכן אלע אייגענע באגרעניצונגען!

**זאגט א ניגון —** א באפעל פונעם רבי'ן ביי די פארברענגענס צו זקני החסידים, מיטן כיבוד אנצוהייבן א ניגון. ווי האבן די חסידים עס פארטייטשט? "א ניגון זאגט!"

**זאַל —** דער נאמען פאר די בתי מדרשים אין ישיבות גדולות, נאך במסורה פון ליובאוויטש אין רוסלאנד. לערנסטו אין "מתיבתא" אדער אין "זאַל"?

**זמירות —** מ'זאגט נישט קיינע זמירות שבת בכלל, לפי נוסח אדמו"ר הזקן, חוץ ביינאכט "אזמר בשבחין", צופרי "אסדר לסעודתא", און "בני היכלא" ביי שלש סעודות וואס זענען פונעם אריז"ל. על פי מסורה האט דער אלטער רבי געוואלט אז שבת ביים טיש זאל מען זינגען ניגונים אָן ווערטער, ווייל על פי קבלה איז שבת עולם המחשבה, וואס איז העכער פון דיבור.

**חוזרים —** א קבוצה שטארקע מוחין וואס האבן איבערגעגעבן די תורות פון די רביים, ווארט ביי ווארט מיט די פונקטליכע אויסדרוקן און מראי מקומות. שפעטער זענען געווען א קבוצה "מניחים" וואס זיי האבן עס "אראפגעגעבן" על הכתב, אפגעשריבן, און דאס האט מען אריינגעשיקט צום רבי'ן איבערצוקוקן



"ד' בבות" ווערט געזינגען נאר אין ספעציעלע זמנים. אין דעם ניגון נעמט דער אלטער רבי דעם חסיד אויף א רייזע פון 'עשיה' ביז צו 'אצילות' אליין, צו זיין דבוק אין 'הוא לבדו הוא ואין זולתו'

און צושרייבן הערות. אויב איז געווען דריי טעג יו"ט, האבן די חוזרים געדארפט געדענקען באלד זעקס שיחות און מאמרים, וואס יעדע פון דעם האט געדויערט אפאר שעה, און איז געווען גאנץ אן אנדערער ענין לכשעצמו. נאך אזא יו"ט האבן זייערע פאראערוועטע קעפ שיעור נישט אויפגעריסן...

**חזרת דא"ח** — אין די ישיבות קומט עס פאר ליל שבת קודש צווישן מנחה און קבלת שבת, אין די שולן איז עס בעת רעוא דרעוין, ווען עס איז דא א סדר פון חזר'ן א "מאמר" בעל פה – וואס זענען ד'ברי א'לוקים ח'יים. מ'איז מקפיד עס איבערצוזאגן דוקא מיטן לשון הרב, ווי אויך ווערט עס געזאגט מיט א ספעציעלער "מאמר ניגון".

**חיות טהורות** — אין א חידוש'דיגער שיחה אין תשמ"ד, האט דער רבי געהייסן אז מ'זאל נישט ווייזן פאר קינדער קיין בילדער פון בהמות וחיות וואס זענען נישט כשר. ליובאוויטשער חסידים וועלן נישט לאזן קיין בילד פון א בערעלע, א לייב אדער א פערד אויף א קלייד אדער פידזשאמע. קנאות'דיגע ליובאוויטשער פרוייען קוקן דורך יעדן מעשה ביכל איידער מ'קויפט עס, צו מאכן זיכער אז ס'איז ריין פון בהמות טמאות. לעצטנס האט מען אנגעהויבן דרוקן נייע ביכער, געאייגנט פאר דעם עולם וואס איז מקפיד דערויף.

**חלק אלוקי ממעל ממש** — די הייליגע נשמה וואס יעדער איד פארמאגט, איז נישט קיין חלק פון דער בריאה, נאר ממש א שטיק געטליכקייט אריינגעבלאזן אין דעם גוף – אינעם נפש הבהמית. דאס בלייבט אויף אייביג דער אמת'ער וועזן פון דעם איד!

ווען א בחור לייגט תפילין אויף א פרייען איד, פילט ער אז דאס איז ממש א איד פונקט ווי אים, ווייל מיטן גלייבן אז יעדער איד פארמאגט א "נפש אלוקית", וואס איז א "חלק אלוקי ממעל ממש", קען מען נישט ווערן מער אדער ווייניגער איד, מען קען זיך נאר פירן מער אדער ווייניגער אידיש.

**חסידישע אושפיזין** — בנוסף צו די אבות הקדושים וואס קומען אין דער סוכה, האט מען אין ליובאוויטש זיך געקאכט יעדן טאג אינעם אור פון איינעם פון "רבותינו נשיאנו", אנהויבנדיג פון דעם בעש"ט, דער מגיד, דער אלטער רבי וכו'.

**חסידישע פרשת השבוע** — דער וועכנטליכער לימוד אין די מאמרים פונעם בעל התניא לויט דער פרשה, פון די ספרי "תורה אור" (בראשית-שמות), און "ליקוטי תורה" (ויקרא-במדבר-דברים).



**א חסיד פראווועט "אתכפיה".** אן עיקר גדול אין עבודת השם כמבואר בתורת חב"ד וואס קומט אריין אפטמאל אינעם טעגליכן חב"ד'סקער שפראך...



**חוזר.** אין צענטער זיצט דער חוזר ראשי פון ליובאוויטשער רבי'ן, הגה"ח ר' יואל כהן זצ"ל, ביים איבערגיין די שיחות

**בית חב"ד.** טייל חסידי חב"ד זענען זוכה צו ווערן א פולע שליח פיר און צוואנציג שעה, דורך זיך אוועק צושטעלן אין די מרחקים מיט מסירות נפש.

**חת"ת** — דער טעגליכער חוב פאר א חסיד עוסק צו זיין אין ח'ומש ת'הלים ת'ניא. א כמו חק לישראל לימוד קבוע.

**מצוה טאנק** — א גרופע יונגעלייט דינגען א טראק, אדער מאביל היים, מ'קלעבט אן דערויף שילדן וועגן אידישקייט, און מ'גייט מיט מוזיק אין די גאסן צו מאכן הפצת היהדות. דער פשוטער צוועק איז אז מענטשן וואס שעמען זיך צו לייגן תפילין אינמיטן גאס, זאלן האבן די ברירה ארויפצוגיין אויפן טאנק דארט צו לייגן פריוואט. עס איז ווי א בית חב"ד אויף רעדער...

דער רבי האט הנאה געהאט פון דעם נאמען "טאנק", וואס דרוקט אויס אז מ'גייט אין א מלחמת מצוה פאר אידישקייט, און מ'גייט איבער גריבער און טייכן וואס שטערן אויפן וועג. אמאל האט דער רבי געזאגט אז "טנק" איז ראשי תיבות ט'הרות נ'זיקין ק'דשים, ווייל צו טון מיט אנדערע מוז מען ערשט אליין זיין טהור (טהרות), דערנאך הויבט מען אן מיט סור מרע (נזיקין), און דערנאך עשה טוב (קדשים).

**יחידות** — זיך פראווענען ביים רבי'ן. ווען דער "יחיד" גייט אריין פריוואט זיך דורכשמועסן אלעס וואס ליגט אים אויפן הארצן ברוחניות ובגשמיות.

**ירידה לצורך עליה** — אן אויסדרוק וואס טוט דערמאנען צו האלטן קאפ, אז דאס גאנצע אראפקומען אויף דער גשמיות'דיגער וועלט איז פאר א תפקיד!

**כולל אברכים** — שוין אין ליובאוויטש אינדערהיים ביים צמח צדק זענען געווען זיצערס – "יושבים", פאר א תקופה נאך דער חתונה, אבער דער ריכטיגער ציור





א חסיד פארטיפט אין "**התבוננות**" בגדולת הבורא, אין א באשיידענעם ווינקל אינעם רוישיגן 770 בית המדרש

פון א כולל האט זיך אנגעהויבן אינעם דור השביעי. דער רבי האט געזאגט: "ס'איז מיין תאווה אז יונגעלייט זאלן זיצן און לערנען". במיוחד איז דאס געאייגנט פאר יונגעלייט וואס פארן שפעטער ארויס אויף שליחות, מ'זאל זיך ריכטיג אנזעטיגן מיט ידיעות און רוחניות'דיגע כוחות פאר דער עבודת הקודש.

**כינוס השלוחים** — יערליכער צוזאמקום פון טויזנטער שלוחים אין די טעג ארום שבת מברכים חודש כסלו אין דער ליובאוויטשער עיר הבירה קראונהייטס, אין ברוקלין, ניו יארק. עס קומען דאן פאר טעג פון פארברענגענס און שיעורים וואו מען איז מקיים דעם "איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק". דער הויפּפונקט איז בעצם יום השבת ביי די גאר געהויבענע פארברענגענס, וואו די שליחים שעפן פרישע רונדעס כוחות אנצוגיין מיט מסירות נפש אומעטום.

פרייטאג אינדערפרי איידער מ'גייט ארויס צום אוהל פונעם רבי'ן "דער משלח", קומט פאר דאס "צענטראלע בילד", וואו אלע שליחים שטעלן זיך אויס, זיך צו פאראייביגן אין א יערליכן בילד וואס פרובירט אריינצונעמען די הענכער זעקס טויזנט שלוחים... פאר די מקורבים און שטיצער פון די שלוחים איז מען מסדר א מעמד ממחרת השבת - "דער באנקעט", ווען מ'באווייזט די פעולות פון די שלוחים און מען מעלדט איבער צוקונפטיגע נייע פראגראמען.

צום שלוס פון דער נאכט קומען פאר געהויבענע ריקודים וואו אידן וואס זענען אפגעזונדערט פון משפחה און גוטע פריינט א גאנץ יאר, און וואוינען אין די שווערסטע פלעצער און סיטואציעס, זענען זיך מחזק און דערהייבן זיך מיט א שמחה צו קודשא בריך הוא.

א שטיק צייט דערויף, אום כ"ב שבט, קומט פאר געענו דעם זעלבן סארט כינוס פאר דער עזרת נשים.

**לחיים ולברכה** — דער חב"ד וואונטש איינער פארן צווייטן נאך וואס "מען זאגט לחיים" אויף א "כוס משקה" ביי א "חסידישע פארברענגען". עס איז אויך מיט דער כוונה צו וואונטשן די נוטריקון פון "לב-רכה" - זאלסט האבן א ווייך הארץ.

**לימודי חול** — אין תניא פרק ח' שרייבט ער אז חכמת חיצוניות איז ערגער ווי תאוות רעות. די מלחמה קעגן לימודי חול וואס דער רבי רש"ב האט געקעמפט אין רוסלאנד, איז געקומען צום קלימאקס אין אמעריקע, ווען ס'איז געגרינדעט געווארן דער חדר "אהלי תורה" אין יאר תשט"ז,

**נוסח חב"ד**



**נו, זאגט לחיים!** געווענליך נאך א גלעזל "משקה" זאגט זיך מיט מער הארץ און געשמאק דער "לחיים ולברכה!"



דער גרעסטער אידישער בנין אין דער וועלט - "מרכז מנורה" אין דער שטאט **דאניעפראפעטראווסק** אין אוקראינע

וואו מ'לערנט נישט קיין איין ווארט לימודי חול, אפילו נישט רעכענען און ענגליש. ווי איז מען מצליח דאס צו באווייזן קעגן די פארשריפטן פון דער רעגירונג? דאס נישט די איינציגע קשיא אויף ליובאוויטש...

**לכתחילה אריבער** — א יסודות'דיגער וועג וויאזוי זיך מתגבר צו זיין אויף שוועריקייטן מקובל פונעם רבי'ן מהר"ש. מען זאל זיך נישט פארמעסטן מיט דער שוועריקייט אליין, נאר זיך דערהייבן העכער איר און איר איבערהיפן.

**למטה מעשרה טפחים** — גע'גנב'עטער מליצה לשון פון הלכות חנוכה, אדאפטירט אויסצודרוקן אז דאס הויכע חסידות וואס מ'לערנט זאל מען אריינברענגען צו זיך אויף למעשה.

**מאמר** — אנדערש פון א "שיחה" וואס דער רבי האט געזאגט מיט אפענע אויגן און מיט מער א לויזערע הסברה'דיגע שפראך, איז א מאמר. ביים זאגן א מאמר האט געהערשט א פחד'יגע ערנסטקייט. עס איז אלעמאל געזאגט געווארן דוקא נאך א ניגון הכנה פון פארדעם, מיט פארמאכטע אויגן, מיט א געמאסטענער חסידות נוסח, און א ספעציעלן ניגון, בשעת דער גאנצער עולם שטייט. ביים מאמר איז דאס בבחינת "שכינה מדברת מתוך גרונו" פונעם רבי'ן.

**מאריסטאון** — א שטעטל אין ניו דזשערסי וואו עס איז פארהאן איינע פון די אלטע ליובאוויטשער ישיבות בארצות הברית, ווי אויך אן אנוועזנהייט פון א שטיקל קהילה און א צאל משפחות.

**מבצעים** — די הייליגע ארבעט פון ארויסגיין טון מצוות מעשיות מיט פארבלאנדזשעטע נשמות. על פי ההוראה גייט מען דוקא אין זוגות, צוויי בחורים



**עסן עסט זיך, שלאפן שלאפט זיך, וואס זאל מען טון אז עס דאוונט זיך נישט? וואס זאל מען טון אז עס לערנט זיך נישט?** א חסיד ביים שרייבן א חשבון הנפש אין זיין פ"ן, אינעם פארצימער ביים אוהל.

## נוסח חב"ד

אדער צוויי יונגעלייט צוזאמען. די בחורים גייען דוקא אין דער אייגענער צייט נישט בזמני סדרי הישיבה, בדרך כלל פרייטאג נאכמיטאג.

צווישן די מבצעים ציילט זיך די מבצע תפילין, מבצע מזוזה, מבצע צדקה, מבצע בית מלא ספרים, מבצע נרות שבת קודש, מבצע כשרות, מבצע טהרת המשפחה, מבצע חינוך, מבצע אהבת ישראל, מבצע שופר, מבצע לולב, מבצע חנוכה, מבצע פורים, מבצע מצה, תהלוכת ל"ג בעומר, מבצע עשרת הדברות, מבצע אות בספר תורה.

**מוח שליט על הלב** — א יסוד גדול וואס דער תניא לערנט, וויאזוי עבודת השם דארף צוגיין: מען דארף נוצן דעם מוח אויף "התבוננות", זיך פארטיפן און טראכטן אין דער גרויסקייט פונעם אויבערשטן, און דאס וועט מוליד זיין און אריינברענגען אין הארץ אהבת און יראת השם.

**מזכיר** — אין אידיש: סעקרעטאר. די ליובאוויטשער ווערסיע אויפן טיטל פונעם רבינ'ס משב"ק.

**מיהו יהודי** — דער גרויסער קאמף קעגן דער ציוניסטישער מדינה איבער דאס וואס זיי שרייבן אריין גוים אין ארץ ישראל פונקט ווי אידן, וואס דאס מאכט אָן א חורבן לדורות. ווען עס פלעגט זיך אנהויבן א "מיהו יהודי" שיחה, האט דער עולם שוין געוואוסט אז דא וועט קומען א קאכעניש מדם לבו הטהור.

**מיט א שטורעם** — די פעסטקייט זיך צו האלטן פעלזן שטארק און מפיץ זיין תורה וחסידות מיט א געוואלדיגן רוח!

**מלבוש** — אין חב"ד, מאז ומתמיד, איז נישט געווען אזא מושג פון א חסידישער לבוש. נישט בחינם האט מען זיי גערופן "ליטווישע חסידים". מען האט אלץ געוואוסט אז "חב"ד מאנט פנימיות!", אפילו די שבת'דיגע קאפאטע וואס זיי טראגן, איז עס נאר ווייל על פי קבלה מוז מען טראגן זיידן אום שבת.

**מלך בשדה** — די נאנטקייט וואס א איד האט צו השי"ת אין די טעג פון חודש אלול, לויט ווי דער תניא איז מבאר אין זיינע מאמרים.

**מרכז לעניני חינוך** — די צענטראלע הויפט שירעם ארגאניזאציע פאר אלע פעולות אין חב"ד, וואס צענדליגער ארגונים און מכונים זענען אונטער איר. דאס האט דער פריערדיגער רבי דער ריי"צ מייסד געווען, און אנפארטרויט זיין איידעם דער לעצטער רבי ער זאל שטיין בראש און אלעס אנפירן. עס איז מערסט-באקאנט זייענדיג די אפעראציע צענטער און אפיס וואו מען פירט אן די ריזיגע נעטווארק פון שלוחי חב"ד איבער דער וועלט.

**משכיל** — "דער טיפסטער קאפ וואס איז פארזינקען אין חסידות". מיט דעם האבן די חב"ד'סקער מעלה געווען דעם נידריגן טיטל "משכילים" צו איר ריכטיגער באדייט...

**נוסח אריז"ל** — די נוסח התפילה און נוסח הברכות וואס איז מקובל אין חב"ד, וואס דער אלטער רבי האט געשריבן און מלקט געווען פון זעכציג סידורים, כדי אז דער נוסח הקבלה און די דיוקים פון הלכה זאל שטימען.

**ניחוח** — מלשון "ריח ניחוח להשם", אויך ראשי תיבות "ניגוני חסידי חב"ד". דאס איז נתייסד געווארן דורך דעם רבי'ן מוהריי"צ אין אמעריקע, מיטן ציל צו פאראייביגן די מדוייק'דיגע נגינה פון חב"ד. במשך די יארן האט מען פארשריבן א "ספר הניגונים" מיט די נאטן, און ארויסגעגעבן א סעט פון רעקארדס.

דער סגנון האט א זיסער אמאליגער חן, מיט א שטארקן דיוק אויף יעדע קנייטש און נוסח. פון דארט איז פארשפרייט געווארן ניגוני חב"ד איבער דער גאנצער וועלט.

**נעוץ תחילתן בסופן** — א יסודות'דיגער חסידות חב"ד מושג, וואס איז מסביר פארוואס דוקא די נידריגע ענינים האבן א הויכן שורש. מיט דעם איז תורת חב"ד מסביר פארוואס א פשוטער איד האט א מעלה איבער א בעל מדריגה, פארוואס א מעשה האט א העכערער שורש ווי א מחשבה, מנהגים זענען העכער פון הלכות, גשמיות פון רוחניות, און אפילו די נפש הבהמית העכער פון נפש האלוקית. א רייכע וועלט פון "סוף מעשה עלה במחשבה




**נפש הבהמית** — א מושג וואס קאכט זיך אין ספר הקדוש תניא וואס רעפרעזענטירט אלע אונזערע שוועריקייטן...



אין חב"ד האלט מען זיך נישט צוריק אויסצודרוקן א שמחת החיים אין תורה און אין חסידות דורכ'ן ארויסגיין אין א ברייטערליכן פרייליכן ריקוד

תחילה" און "כל הגבוה ביותר יורד למטה ביותר".

**נפש הבהמית** — א מושג וואס קאכט זיך אין ספר הקדוש תניא וואס רעפרעזענטירט אלע אונזערע שוועריקייטן...

**סמיכה** — דער רבי האט מתקן געווען אז יעדער בחור מוז לערנען א גרינגער מסלול פון הוראה פאר דער חתונה "פשוט צו וויסן וואס איז א שאלה". איידער א בחור האט סמיכה, קען מען ניטאמאל צוטרעטן צו שידוכים!

**סטאוו יא פיטו** — דאס ארויסצוזאגן דארף מען עכט זיין א ליובאוויטשער געבוירענער... דאס איז איינער פון די שטארקע ניגונים מיט אוקראינישע ווערטער, וואס שמועסט אויס אן ערנסטער חשבון הנפש...

**סעווען סעווענטי** — דארף מען דאך פאר קיינעם נישט זאגן! דאס איז באוואוסט אלס דער "חב"ד-ליובאוויטש הויפטקווארטיר", אויך גערופן ביי חסידי חב"ד "בית חיינו" אדער "בית רבינו שבבבל". 770 רעכנט טאקע אריין דער גרויסער היכל ביהמ"ד וואס באמת איז עס אין דער דערנעבנדיגער בנין וואס מען האט מיט די יארן זיך פארברייטערט אהין, אבער אינעם עצם "770" הויז (וואס איז גראדע די גימטריא פון "ופרצת") זענען פאראן דריי שטאק, וואו שוין העכער אכציג יאר דינט די געביידע אלס א מקום תורה ותפילה וואס איז מפיץ חסידות און אידישע השפעה אויף דער גאנצער וועלט כפשוטו ממש. דערינען זענען דא פיל צימערן וואס דינען צענדליגער צוועקן, א שטייגער ווי דער "גן עדן התחתון", דער "גן עדן העליון", א קלענערער היכל בית המדרש, א חדר יחידות, א ביבליאטעק, דער חדר פונעם מזכיר, און וואס נישט...

**עובד** — איינער וואס שטייט אויף פרי צו "לערנען חסידות פארן דאווענען" אפאר שעה, און נאכדעם דאוונט ער באריכות מיט אט די חסידות געדאנקען שעות על גבי שעות ביז אין די נאכמיטאג שטונדן אריין. אין אנדערע ווערטער, כמעט דעם גאנצן טאג! דערמיט טוט ער אראפברענגען אויף זיך די מושגים אין חסידות, אז עס זאל פאקטיש ווערן א חלק פון זיין אייגענע לעבן.

דורכאויס דער וואך זענען אזעלכע יחידי סגולה וויינעגער, צוליב וואס נישט פאר יעדן איז מעגליך אזא סדר היום, אבער אום שבת ויו"ט טרעפט מען אסאך מער עובדים וואס זענען איבערגעדעקט מיטן טלית ביי אלע ווינקלען פון שול (נישט נאר ביים רבי'ן



אום שבת ויו"ט טרעפט מען סאך מער **"עובדים"** וואס זענען אזוי איבערגעדעקט מיט'ן טלית ביי אלע ווינקלען פון שול. און דאווענען באריכות שעות על גבי שעות ביז אין די נאכמיטאג שעות

**מבצע תפילין** איז צווישן פילע אנדערע מבצעים אין דער פעלד פון טון מצוות מעשיות מיט פארבלאנדזשעטע אידישע נשמות 'להביא לימות המשיח'.



רש"ב אינדערהיים אין ליובאוויטש איז עס געווען... אפילו היינט אין אמעריקע אין תשפ"ד זענען נאך דא הונדערטער אזעלכע עובדים, צווישן זיי ציילן זיך געוויסע משפיעים...).

**פוילישע חסידים —** אזוי באצייכנט מען אלע חסידישע אידן אויסער חב"ד, אפילו אונגארישע און רוסישע, גיי ווייס פארוואס...

**פנימי —** דער העכסטער לויב וואס מ'קען זאגן אויף א חסיד אין ליובאוויטש. א פנימי איז איינער וואס טוט נישט קיין שום זאך פאר סיבות חיצוניות, ווי אויך טוט ער נישט קיין מצוות און מעשים טובים אלס עפעס א הנאה.

בלויז אויף גאר דערהויבענע חסידים וואס טוען אלצדינג אן דעם וואס אנדערע זאלן זען, אזא איינער וואס ווערט נישט מושפע פון דער סביבה נאר מיט דער כוונה העליונה פאר די אויגן, זאגט מען "ער איז א פנימי". אמאל קען מען זאגן אויף איינעם "ער פירט זיך פנימיות'דיג", אדער ווען עס פאדערט זיך פאר איינעם קען מען זאגן אין א שארפערן טאן, "זיי נישט קיין חיצון!"

**פ"ן —** דער חב"ד נאמען פאר א קוויטל, וואס איז ראשי תיבות פ'דיון נ'פש. דאס שרייבט מען אפט, ווען אימער מ'באזוכט דעם רבינ'ס אוהל אין קווינס.

דער סדר השתטחות גייט צו ווי פאלגנד: צום ערשט זעצט מען זיך אין די ארטיגע פאדערצימערן אפצושרייבן דעם נוסח הפ"ן בינו לבין עצמו, דאן טוישט מען אויף די שיך אויף יום כיפור שיך וואס איז צוגעשטעלט, מ'גיבט צדקה און מ'שפאנט צו צום אוהל. אלס כבוד נישט אריינצוקומען פלוצלינג, טוט מען לייכטערהייט געבן א קלאפ אויף דער טיר פונעם אוהל (דער אוהל פארמאגט נישט קיין דאך, כדי כהנים זאלן אויך קענען מתפלל זיין אינעווייניג). מיט אן אימה ויראה איז מען דוקא שטילערהייט מתפלל אינעם ספעציעלן סדר תהלים און שטיקלעך זוהר הק' גערופן "מענה לשון". ווען מ'ענדיגט זאגן תהלים און די פריוואטע בקשות, ליינט מען פאר דעם פ"ן, און נאכדעם איז דער מנהג עס צו צררייסן און לייגן אויפן קבר צווישן די אנדערע פ"נים. ווען מ'גייט ארויס שפאנט מען אויף צוריקצאוועגס, נישט אויסדרייענדיג דעם רוקן, ווי עס פאסט.

**צבאות השם —** אן ארגאניזאציע פאר קינדער אונטער בר/בת מצוה זיך אנצושליסן אינעם אויבערשטנ'ס מיליטער. די וואפן איז מצוות און מעשים טובים, וואס מיט דעם טוט דער אויבערשטער'ס מיליטער מלחמה האלטן מיטן צד הטומאה און יצר הרע, מיטן ציל "מיר ווילן משיח יעצט". ווי מער פעולות טובות די קינדער שאפן זיך, קען מען "שטייגן אין ראנג" ווי אין א ריכטיגן מיליטער, און מיט דעם באקומט מען פאסיגע מעדאלן. דער נאמען "צבאות השם" איז שוין היינט געגאנגען ווייטער צו אלע אפעראציעס אנבאלאנגט קינדער אין ליובאוויטש.

**קאפאטע —** די ליובאוויטשער שבת'דיגע בעקיטשע, וואס זעט טאקע אויס ענליך צו א ליטווישן "פראק", אבער גענייט איז עס פון אמת'ע זיידן. דער ליובאוויטשער רבי האט שטארק געפאדערט פון דעם עולם אין אמעריקע אין די ערשטע יארן צו טראגן אמת'ע זיידן אויף שבת, על פי קבלה. א צווייטער נאמען פאר דעם מלבוש איז א "סירטוק".

**קבלת עול —** "א איד איז א קבלת עול'ניק און א קבלת עול'ניק איז איד". דער יסוד פון גאנץ עבודת השם איז קודם צו טון אן פארשטיין, און נאר נאכדעם קען מען צוגיין צו עבודה פנימיות פון הבנה והשגה, אפילו אין חב"ד וואו מען נוצט דעם קאפ!

**קה"ת —** ראשי תיבות פון ק'רני ה'וד ת'ורה, די וועלט באקאנטע ארויסגעבער קערפערשאפט וואס איז מוציא לאור די טויזנטער ספרי חב"ד.

**קובצי הערות —** יעדע ישיבה מוז ארויסגעבן קובצים פון חידושי תורה סיי אין די מסכתות וואס מ'לערנט און סיי בכל מקצועות התורה. דער רבי האט צומאל מיט גרויס נחת געקענט רעדן ביי די שבת'דיגע פארברענגענס אויף הערות וואס בחורים האבן געשריבן, און ער האט זיך מפלפל געווען בדבריהם.

**קולע —** זיך איבערקייקלען אויף דער



**רבי מענדל פוטערפאס ז"ל, וועמען די וועלט באטיטלט אים "דער באוואוסטער חב"ד חסיד", האט קיינמאל נישט געטוישט פון זיין באַחנ'טע חסידישע דאשיקל**

**נוסח חב"ד**



מ'טרונקט לחיים און מ'איז פרייליך און מ'גייט א **קאראהאד**...




קרעמענטשוקער בעראלאך – א זיסער נאמען פאר אן עמקות'דיגער חב"ד ניגון וואס עס האבן מחבר געווען צוויי חסידים וואס האבן געהייסן די זעלבע – ר' בערל, פון דער שטאט קרעמענטשוק

ערד מיטן קאפ אראפ פיס ארויף, וואס חסידים מאכן נאך א פארברענגען אדער אינמיטן א פרייליכן טאנץ. דאס איז א באוויז אויף "ביטול", ווען איין חסיד זאגט צום צווייטן, "נו, מאך א קולע!"

**קרעמענטשוקער בעראלאך** — א זיסער נאמען פאר אן עמקות'דיגער חב"ד ניגון וואס עס האבן מחבר געווען צוויי חסידים וואס האבן געהייסן די זעלבע – ר' בערל, פון דער שטאט קרעמענטשוק.

**קרקפתא** — דאס אויסשפראך קומט על פי לשון הזוהר הקדוש אויף א פארלוירענער אידישער נשמה וואס האט נאך קיינמאל אין לעבן קיין תפילין געלייגט – "קרקפתא דלא מנח תפילין". אז א חב"ד'ניק טרעפט אן אזא איינעם, איז עס א זאפטיגע געלעגנהייט אים ארויפצושארן זיינע ארבל, און אראפנעמען דעם שרעקליכן שם "קרקפתא" דורכן אים מזכה זיין מיט הנחת תפילין כאטש איינמאל אין לעבן.

"איך האב היינט געהאט א קרקפתא!" וועט א ליובאוויטשער זאגן שטאלצערהייט צו זיין חבר, ארויסברענגענדיג קנאת סופרים בליקן.

**רבי מענדל פוטערפאס** — די וועלט באטיטלט אים "דער באוואוסטער חב"ד חסיד". ער האט איבערגעלעבט די קאמוניסטישע יסורים און צער, און שפעטער געווארן דער חסיד מיטן ה' הידיעה אין ענגלאנד און דערנאך אין כפר חב"ד אין ארץ ישראל. און האט קיינמאל נישט געטוישט פון זיין באַ'חנ'טע חסידישע דאשיקל.

**רמב"ם** — דער חיבור פונעם רבן של כל בני הגולה דער הייליגער רבינו משה בן מימון. צוליב דער וויכטיגקייט פאר א איד צו זיין בקי בתורה שבכתב און תורה שבעל פה, האט דער ליובאוויטשער רבי מתקן געווען אז יעדער חסיד מוז לערנען דריי פרקים רמב"ם א טאג צו ענדיגן במשך דעם יאר גאנץ ספר "משנה תורה" (אדער זענען דא נאך אנדערע אויסשטעלן אינעם לוח לימוד הרמב"ם פאר א לענגערן סדר). דאס פארנעמט היינט א גרויסער ארט אין דעם טאג פון א ליובאוויטשער. "האסט שוין געלערנט רמב"ם היינט? איך בין נאך פארשטעקט אינעם צווייטן פרק...".

**רש"י שיחה** — דער רבי פלעגט מבאר זיין יעדער וואך א רש"י על התורה אין א מחודש'דיגן דרך, אלעס מיט פעסטע כללים על פי פשוטו של מקרא. אויך איז נתבאר געווארן ווי אין יעדער רש"י ליגט "יינה של תורה" דאס הייסט רמזים פון 'חסידות' – פנימיות התורה. די 'רש"י שיחות' האבן געברענגט א גרויסע קאך ביי די יונגעלייט און בחורים וואס האבן אין דעם פשט זיך מפלפל געווען במשך די וואך. סך הכל זענען דא 600 רש"י שיחות, און א גרויסע טייל פון די פערציג בענדער ליקוטי שיחות זענען טאקע "רש"י שיחות".

**שליח** — יעדער חסיד איז א שליח פון רבי'ן! ווי דער פתגם פונעם אלטן רבי'ן: "חסידים זיינען שלוחים פון רבי'ן: עס געהט א חסיד, עסט א חסיד, שלאפט א חסיד". איינער טוט שליחות אין א ישיבה, איינער טוט שליחות מיטן ארויסגעבן חידושי תורה, יעדער איד האט זיך זיין שליחות אין דער וועלט. געוויסע חסידים זענען זוכה צו ווערן א פולער שליח פיר און צוואנציג שעה צו טון פאר אידישקייט, און זיך אוועקציען ערגעץ אין די מרחקים מיט מסירת נפש. זיי טראגן דעם הייליגן טיטל מיט פארכט. היינט זענען פארהאן אן ערך פון העכער זעקס טויזנט משפחות פון פולשטענדיגע שלוחים.

**שקיעה** — א מושג וואס מאכט נישט קיין סאך אויס ביי צופיל חסידישע קרייזן... אנדערש איז אבער ביי חסידי חב"ד, וואו מען איז מען שטארק מקפיד צו דאווענען מנחה פאר דער שקיעה.

**תמימים** — דער טיטל פאר בחורי חמד אין ליובאוויטש, וואס לערנען אין די ישיבות וואס מען רופט טאקע "תומכי תמימים". דער נאמען מאכט האלטן קאפ צו וועלן אויסוואקסן תמים בתורה ובחסידות, ווי אויך מיינט מען מיט דעם "תמים תהיה עם השם אלוקיך" און "התהלך עמו בתמימות".

**תיכף ומיד ממש** — די הארצרייסנדע תפילה ובקשה צו השי"ת אז עס זאל שוין זיין די גאולה און משיח זאל שוין קומען בקרוב ממש! ■

## נוסח חב"ד


**משכיל** – דער טיפסטער קאפ וואס איז פארזינקען אין חסידות. הרה"ח ר' שניאור זלמן גופין שיחי' פון מכפר חב"ד, ארה"ק, מגדולי משכילי חב"ד


א **מאמר** איז אלעמאל געזאגט געווארן מיט פארמאכטע אויגן, מיט א געמאסטענעם חסידות נוסח, אין א ספעציעלן ניגון, בשעת דער גאנצער עולם שטייט